№ 93 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאדזער טאגעבלאט

21-טער יאהרגאנג | 22 kwietnia 1928 r. | זונטאג, ב' אייר תרפ"ח | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 8. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 14, פון אדמיניסטראציע 71

XXV — זאל „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20. — XXV

מיטוואך, דעם 2-טען מאי, 8.30 אווענד, ארדענט איין דער לאדזער ליטעראטען און זשורנאליסטען-פעראיין

א גרויסע יובילעאום-אקאדעמיע

לכבוד דער 25-יעהריגער ליטעראריש-זשורנאליסטישער טעטיגקייט פון בעליבטען דיכטער **יצחק קאצענעלסאן**

I.
אין ליטעראַרישען טייל נעהמען אנטייל:
דער דיכטער און קריטיקער יעקב פיכמאן פון א"י; רעד. י. העפטמאן (תעבריאיש); ד"ר י. גאטליב; אברהם לעווינסאן; י. מ. ניימאן; ת. ל. זשיטניצקי — פון ווארשא, רעד. י. אונגער, דיכטער משה בראדערזאן — פון לאדז.

II.
אין מוזיקאלישען טייל:
1) פערשטארקטער כאר פון „הזמיר", אונטער דער לייטונג פון פראפ. י. פיוזשיש, וועלכער וועט אויספיהרען איניגע לידער פון יובילאר; 2) די באקאנטע זינגערין פרל. מאריא דאלסקא (סאלא-געזאנג) יודישע און העברעאישע לידער פון יובילאר; 3) דער בעליבטער זינגער דוד ווידערמאן וועט אויפטרעטען מיט נייע אין לאדז נאך נישט געזונגענע לידער; 4) רעציטאציעס פון יובילאר און דיכטער משה בראדערזאן. ביים קלאוויר: פראפ. י. וואוולא.

III.
בעגריסונגען
פון א רייה ליטעראַרישע, קינסטלערישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס פון לאדז, ווארשא א. אנד.
שלוס-ווארט
פון יובילאר.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאסע פון „פילהארמאניע".

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אונזער ליבע מוטער, גרויסמוטער און אור-גרויסמוטער

נ"ע מירל אשת ר' אלי' ז"ל ראזענטאהל

פון דער היים פערשטער

די לוי' קומט פאר היינט זונטאג, דעם 23 אפריל 1928, 2 א זייגער נאכמיטאג פון טרויער-הויז סקווערא 1, וועגען וואס עס טיילט מיט קרובים און בעקאנטע די אין טיפען טרויער

פערבליבענע פאמיליע.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען מיין אונפערגעסליכער מאן, אונזער געליבטער פאטער, גרויס-פאטער, ברודער, שוואגער, אנקעל

נ"ע יוסף לייב בן ר' משה ז"ל קוטאס

אין עלטער פון 78 יאהר.

די לוי' קומט פאר היינט, זונטאג, (ב' אייר תרפ"ח) 12.30 א זייגער נאכמ. פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל פארנאכע, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיעפטרויערנדע פאמיליע.

AMERICAN-WRINGER COMPANY

מאכט בעקאנט, אז דינסטאג דעם 24, ד. ח. קומט פאר די

ערעפנונג

פון רעפרעזענטאנץ-נעדערלאג אין לאדז אויף פיעטריקאווער 40

פילען פערקויפט וועלען אויך צוגענגליכע בעדינגונגען די באקאנטע פון זייער גוטסקייט אריגינעלע

אמעריקאנישע ווינדשי-מאשקעס „EMPIRE"

ווי אויך די אויסערגעוועהנליך פראקטישע אין הויזליכען געברויך

וואש-מאשינען „MARYSIA"

היינט זונטאג ד. 22-טען אפריל, 12 א זייגער מיטאג קומט פאר א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון מיין אונפערגעסליכע פרוי, אונזער טייערע מוטער

נ"ע יהודית ענגעל

צו וועלכער אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען.

מאן און פאמיליע.

צענטער. סוחרים און פאבריקאנטן-פערבאנד
אויף לאדזער וואיעוואדזטווא, פיעטריקאווער 10.

היינט, זונטאג, דעם 22-טען אפריל ד. י. 4 א זייגער נאכמ. קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל

א גרויסע פערזאמלונג

וועגען די קריטישע לאגע פון סוחר'טום

מיט'ן אנטייל פון דעפוטאטען און סענאטארען.

צוליב דעם, וואס ס'וועלען בעריהרט ווערען די אנגעהעהמסטע פראגען פון סוחר'טום, ווערט געבעטען צו קומען באשטימט.

די פערוואלטונג.

Dr. P. Klinger

ספעצ.-ארצט פאר הויט-האר-און געשלעכטס-קראנקהייטען היילט מיט קווארץ-לאמפען.

אנדזשעיא 2, טעל. 32-28.

נעמט אן טעגליך פון 1,30 ביז 2,30 פאר דאמען. און פון 6—8 אוו. פאר מענער. זונטאג: פון 10—12 פארמ.

א אינטעליגענטער
יונגערמאן

27 יאהר אלט, זוכט צו וואוינען אלס סובלאקאטאר, ביי א יונגער פרוי (א גרושה אדער אלמנה) וועלכע איז פון קיינעם נישט אפהענגיג. אפערטען אין „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „SOLIDNY".

בעקאנטמאכונג

די אלע וואס בעזיצען וועקסלען אדער פראטעסטען פון דער פירמע באנדארענקא אויס לעמבערג, זאמאסטאנאווסקא 10, זאלען קומען אין זייערע אינטערעסען צו יעקב ליפשיץ פולנאצנא 4, 6 א זייגער וועגען ענגען מיטלען, געגען דער אויבענדערמאנטער פירמע.

א טיכטיגער אינטעליגענטער
יונגערמאן

וועלכער איז ערשט פון מיליטער געקומען, זוכט פון זאפארט וואסערע בעשעפטיגונג עס זאל נישט זיין אין יעדער בראנזשע אין לאדז אדער אויף די פראווינץ. געגען נידריגע צאהלונג מיט גוטע רעקאמענדאציעס. אפערטען אין רעדאקציע פון „לאדזער טאגעבלאט" אונטער „MAKS".

Dr. med. M. Heller

ספעציאליסט פאר הויט- און וועגערישע-סרטים און מענער-שוואכע

גאווראט 2

נעמט אן פון 10 פריה, פון 1—2 און פון 4—8 אוונט.
פאר פרויען פון 4—5 נאכמ.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצא-פרייזען.

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייט.

סאנקטאנטינער 9, טעלעפאן 81-27.

שפרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7.
נעמט אויך אן אין לעטשניצע זאכראנסקא 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכמ.
1056

Dr. med. A. Mazur

ספעציאל-ארצט פאר אויערן, נאז און האלז-קראנק. אי אויך שטים און שפראך-פעהלער

האט זיך איבערגעצויגען אויף

וואלצאנסקא 65

אנגאנג אויך דורך פיעטריק. 46) טעל. 66-61
נעמט אן פון 11½—12½ און פון 3—5 נאכמ.

Dr. Niewiażski

SIENKIEWICZA 34, tel 59-40

ספעציאל-ארצט פאר סיפיליס, טריפער און מענער-שוואכע בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 5—9 אוונט

603

קליינהענדלער-באנק אין לאדז

איז געווארען איבערנעטראגען פון אגראדאווא 10

אויף אגראדאווא 2

ערשטער שטאק.

די באנק נעמט אן איינלאגען אויף גאנץ פוילען און ערלעדיגט אלע באנק-אפעראציעס. די באנק איז טעטיג פון 9—2 פארמ. און פון 4—6 נאכמ.

פלעגט די פיס
PEDICURE

S. Łodzki

Trauguta 5 (Krótka), m. 10
טעל. 37-36. נעמט אן פון 11—2 און 4—7 אוו.

נעמט אויסער אסיסטענט פיס פעסטער עלטפען (היגער-אויגען-געשוואלסט אין לענדען).
ספעציאליסט צו בעזייטיגען היגער-אויגען און הארנהויט, די פארגעשריטענסטע נעגעל אחוצ שפערצען פערמוידירס די פיס.

ענטדעקט אנטי-פאשיסטישע ארגאניזאציע אין רוים
אמעריקאנער הלואה פון 3 מיליאן דאלאר פאר ארץ-ישראל

גרויסע אנטי-פאשיסטישע ארגאני-זאציע ענטדעקט אין איטאליען.

מײלאנד, 21 אפריל (ספ. צום „ל.ט.") נאך דער אויפעקספלאזיע חע-גען דעם אטענטאט אויפן איטאליענישן קעניג אין מײלאנד איז מען געפאלען אויף די שפורן פון א בריים-פארצווייגטער אנטי-פאשיסטישער-ארגאניזאציע, וועלכע גרייכט ביז רוים און טורין. זעהר פיל מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע זענען שוין ארעסטירט געווארן, דערונטער געפינען זיך פיל אדוואקאטען און פערזענען פון דער אינטעליגענץ. בכלל זענען ארעסטירט געווארן איבער 100 פערזאנען.

די פאליציי האפט, אז די ערקלערונגען פון די ארעסטירטע וועט פעלווייכטען דעם גאנצען ענין און עס וועט אזוי ארום געלונגען צו ענטדעקען די אטענטאטער אויפ'ן קעניג. עס זענען אויך ארעסטירט געווארן עטליכע פאשיסטען, וואס זענען ארויסגעווארפען געווארן פון דער פארטיי.

מײלאנד. 21 אפריל (אטא) דער הויך-פארזיצענדער פון אויסערגעווענליכען טריבונאל פאר מלוכה-פערברעכען גענעראל פרערי, האט זיך פארגעגעבען אין דעמיסיע. מוסאליני האט די דעמיסיע אנגענומען.

„ברעמען" האט שיער נישט געטיילט דעם גורל פון איהרע פארגענגער.

ניו-יארק, 21 אפריל (ספ.) פון באראן הינעפעלד'ס צוזיכטען בעריכט איז צו זעהן, אז די „ברעמען" האט שיער נישט געהאט דעם זעלבען טראגישען גורל, וואס איהרע פארגענגער. צווערשט איז דער פלוה צוגעגאנגען גאנץ נישקשה'דיג. נאך 15 שעה פליהען האבען זיך די פליהער ארומגעקרעכט אין א שטח פון א זעהר געדיכטען נעפעל. די מאשינעריע איז געווען צו'אווזיגע אזוי אז די פליהער האבען זיך נישט געקענט מערליך פארשטענדיגען. פיצמוריאז האט געשריבען צו קיהל'ען: „מיר מוזען פרובען ארויפצולאזען, דאס בענזין-פעסעלע איז געלעהרט". דערווייל איז ענטשטאנען א גרויסער שטורם.

מיר האבען געזעהן, — דערציילט ווייטער הינעפעלד די שטערן און דער הויך, וואס עס טוט זיך אבער הינטער אונז, האבען מיר נישט געזעהן. פאר טאג דאכטען מיר בעמערקט יבשה. דער בענזין האט זיך שוין אנגעהויבען אויס-געלאזט און מיר האבען זיך גענומען ארונטערלאזען.

שפעטער האט פיצמוריאז בעמערקט א שיפעל מיט מענשען, דאן האבען זיי זיך אראפגעלאזט אויף דער אינזעל.

יודישער זשורנאליסט אין רומעניע

בײשטימט אלס מיטגליד פון פראנצויזישען עהרען-לעגיאן.

ביקארעסט (יט"א) דער רעדאקטאר פון אפיציעלען רומענישען ארגאן „אינדעפענדאנס רומען" און בוקארעשטער קארעספאנדענט פון פאריזער „טעמפס", ד"ר בערקאוויטש, א יוד, איז דורך דער פראנצויזישער רעגירונג בע-שטימט געווארן אלס ריטער פון פראנ-צויזישען עהרען-לעגיאן.

אמעריקאנער הלואה פאר א"י.

די ציוניסטישע עקזעקוטיווע בעקומט א הלואה פון 3 מיליאן דאלאר.

ניו-יארק, 21 אפריל (י. ט. א.) דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין אמעריקא, לואי ליפסקי, האט ענטהילט פערענדיגט די אונטער-האנדלונגען מיט די אמעריקאנער באנקירען מכח געבען א הלואה די ציוניסטישע עקזעקוטיווע פון $2^{1}/_{2}$ ביז $3^{1}/_{2}$ מיליאן דאלאר. די הלואה ווערט גאראנטירט פון די הכנסות פאר'ן קרן קימת אין אמעריקא.

באהן-מאריך זאל געהעכערט ווערען אויף 20 פראצענט.

ווארשא (טעלעפאניש) אין קאמוניקאציע-מיניסטעריום איז אויסגעארבייט געווארען א פראיעקט צו הערכען דעם באהן-טאריף. דער פאסאזשירען טאריף זאל געהעכערט ווערען אויף 20 פראצענט. דער דאזיגער פראיעקט דארף נאך בע-שטעטיגט ווערען דורכ'ן עקאנאמישען קאמיטעט ביים מיניסטערען-ראט.

מארשאל פילסודסקי קראנק.

ווארשא (טעלעפאניש) זינט איניגע טעג איז מארשאל פילסודסקי נישט ווייל. פער-סענליך. די פארשלעכטערונג האט געמאכט צו שמערצען און א האנד.

כדי ראדיקאל צו בעזייטיגען די שמער-צען, האט דער מארשאל פילסודסקי, בע-שלאסען צו לאזען זיך קורירען דורך וואר-שויער-לעכטען.

שוין עטליכע טעג, ווי מען מיינט, האט דער מארשאל נעמענדיג זיך אויף זיינער ארבייט-לעבענס-מאנאטליכער שפרעכען.

אין צוזאמענהאנג מיט דער געזונדהייטס-צושטאנד פון מארשאל פילסודסקי איז נאך נישט מער.

קורצע ידיעות.

(טעלעגראפיש און טעלעפאניש).

מיניסטער זאלעסקי איז צוריקגעקומען קיין ווארשא.

— עס איז פעסטגעשטעלט געווארען דער גאנג פון די ווייטערע פויליש-ליטווישע אונטערהאנדלונגען: אין קא-מיסיע ווערט פארהאנדלט די זיצונגען אין קאוונא, א צווייטע אין בערלין, די דריטע אין ווארשא.

— איבער דער הונדערט פראצענטיגער גע-געגן די פארגרעסערונג פון שטייער-צאהלען זיינען ארבייטער געשטעלט געווארען אין הנכבסען געריכט.

— דינסטאג הויבט דער סיים אן זיין ארבייט.

— צו דער זיצונג פון סאניטארן-קאנטראלע פון כמעט חיט מארשאלעק דאשינסקי איינגעלאדען דעם ד"ר חי-גאדסקי אלס צייגע פון „קאלא".

דער לאקאטארען-שוץ מוז בלייבען אין קראפט,

ערקלערט מיניסטער מאראטשעווסקי.

ווארשא (ווארשא) גלויבען זאגען: פאראגעקומען צווישען דער באדי-זשאפט-קאמיסיע, בעת וועלכע ס'איז דע-באטירט געווארען איבער די פאזיציעס פון די בעזיגנערשע מינגעסעשריגונגען.

דעם. מראצעפשינסקי איז צוריקגע-טרעטען מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט געפאדערט, אז מ'זאל אפשאפען ווערען דער לאקאטארען-שוץ, ווייל נאך א דיזעל דעם וועט זיך אנהויבען א שטאר-קער בוי-בעוועגונג און לאבר. געגען דאס זענען פארשלאג איז ארויסגעטרעטען דער מיניסטער פאר עפענטליכע ארבייטען, מאראטשעווסקי, וועלכער האט געזאגט צווישען:

„ה' מראצעפשינסקי שטעלט פעסט, אז דאס געזעץ וועגען לאקאטארען-שוץ דראמעוועט די בוי-בעוועגונג. איך שטעל אבער פעסט, אז די בוי-בעוועגונג ווערט אפגעהאלטען צוליב דעם מיטעלען קרע-דיט אויף לאנג-טערמינישע הלואות, וואס בעטרעפט ביז 13 פראצענט, אינשטאט וואס ס'דארף קאסטען נאר 6 פראצענט.

„איהר ווילט אפשאפען דעם לאקאטא-רען-שוץ, כדי צו הויבען די בוי-בעוועגונג — האט ווייטער מיניסטער מאראטשעווסקי — צו וועט אבער דאס ראציאנאליזירונג נישט אפשאפען די בוי-בעוועגונג פון דער אויבערפלאך? די צייט וועט וועלען זיך הויבען פירטאג, די לאגען פון די ארבייטער אין באלאסטע. וועלכע אויך נישט קענען פלייבען דירעקציע.

דער גאנצער בודזשעט וועט זיך איבער-דריקען מוזט'ן דאס אראפ. איבערהויפט קען מען נישט אזוי לייכט זיך בעגרענצען אפצישאפען דאס געזעץ וועגען לאקאטא-רען-שוץ. שוין נישט פון געזעלשאפטליכע נאר פון דוחיות-שאפטליכע שטאנדפונקט".

מיניסטער מאראטשעווסקי האט אויך ארויסגעדריקט געשטעלט די פאליטי-שער בלאקאדע, וועלכע דארפען אויסבע-ערוקענט ווערען און א דאנק דעם וועלכע א גרויסער טייל פון דער בעפעלקע-רונג און די שטאט בעקומען פעשעפטיגט. נאך די דעפאטען און דער בודזשעט מיט קליינע אויסבעסערונגען, צו וועלכע די רעגירונג האט מסכים געווען. פארבעטה-טען געווארען און דער צווייטער לעזונג.

אנגענומען דעם סטאטוט פון דער גמילות-חסדים-קאסע ביי דער קהלה.

(ג) פרייטאג איז פארגעקומען א זי-צונג פון דער קאמיסיע פאר סאציאלער הילף ביי דער קהלה, געווידמעט דער פראגע פון סטאטוט, פאר דער גמילות-חסדים-קאסע, וואס די קהלה וועט אנ-גולען עפענען.

וועגען דעם סטאטוט, וואס איז אויס-געארבייט דורך אהרן ווייצמאן, איז פאר-געקומען א לענגערע דעבאטע און לויט איז דער סטאטוט בעשטעטיגט געווארען.

לויט'ן סטאטוט וועט די קהל'שע גמילות-חסדים האבען געשאפען הויפט וועלכע פאר אונטערשטיצען לאדזשער יודען, וועלכע וועלען קריגען אינטערע-סאנטע הלואות ביז 300 זל., פאר וועל-כע זיי וועלען נישט צאהלען קיין פראצענט. ישראל יודען, וואס וועט וועלען בעקומען א הלואה וועט מוזען אויף דער בעקומען מזן אויפשטעלען טראגער מיט ווערזשאפטען, פערזענליכע מיטגליעדער מיט 1 זשירא. די אויסגעצאהלטע געלדער וועלען מוזען אפ-געצאהלט ווערען חדש'ליך, דערביי וועט די גאנצע סומע מוזען געדעקט ווערען אין משך פון 9 מאנאטען.

די גמילות-חסדים קאסע וועט זיך גע-פינען אין קהלה-לאקאל, און וועט אנגע-פיהרט ווערען דורך א קאמיסיע פון 9 פערזאן, געוועהלט דורך דער קהלה-פערוואלטונג.

די קאסע וועט אנהויבען ארבייטען מיט א סומע פון 10.000 זל.

ווילנער אורטייל אין אפעלאציע-געריכט

שמילשווייגענדע ענדערונג פון די בעדינגונגען פון א אבמאך.

(§) א אפעלאציע - געריכט אין שטאט אין אויפגעסטעלט געווארען מיט א אינטערעסאנטער ענין פון די לאדזשער סוחרים צוליב א חוב פאר גארן אויף 524 קילא שטאף. לויט'ן אבמאך האט דער אנגעקלאגטער גענוהצט צאהלען דעם חוב א העלפט מיט טשעקען אויף לאנדאן און א העלפט מיט וועקסלען. ער האט אבער נישט ערפילט די בעדינגונגען פון אבמאך, מחמת ער האט שוין שפעטער בעצאהלט און דאס גוט אפגעהאלטען דעם תנאי וועגען טשעקען און וועקסלען.

דאס אפעלאציע - געריכט האט בע-שטעטיגט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאנץ, מאטיווירענדיג דאס דערמיט, וואס די שטאטהאלטער פירמע האט שפעטער צוגעשטימט צו תנאים דעם לאדזשער סוחר, און אזוי ארום שטיל-שווייגענד אנגענומען אויף די געענ-דערטע תנאים פון דעם צאהלונגס-אבמאך.

—0—

אבגעהאלטען דעם רעקורס וועגען אנולירען די קהלה-וואהלען.

(ג) כ'אטש שוין דערהאלטען געווארען דער ענטפער אויף דער אנקלאגע, וואס איז זיין צייט דערלאנגט געווארען צו דער משפט געגען די לעצטע וואהלען צו דער גייער קהלה-פערוואלטונג אין גע-גען דעם, וואס אין דער קהלה-פערוואל-טונג זעגען צווי שוהמעגער'ס.

און ענטפער ווערט די טענה וועגען אנולירען די וואהלען פון דער קהלה-פערוואלטונג אפגעווארפען טומ'ן כא-טוו, וואס די וואהלען זענען דורכגע-פיהרט געווארען נאך אויף'ן יסוד פון אלטען קהלה-רעגולאמין, בעת די נייע קלאגער רעגלעמענט זיך שוין מיט'ן נייעם רעגולאמין.

וואס שייך דעם ענין פון די צוויי שוי-געדם טינגעבערג — מאקאוויער, וואס זע-נען פערשעמען אין דער אינטערער קהלה-פערוואלטונג ווערט דאס, לויט דער אויסטייטשונג פון דער שטאטישער סאראל-חעמסטוא אין לאדז, נישט בעטראכט פאר קיין קרובה'שאפט, מחמת די שוועגער-שאפט איז פון דער פרוי'ס צד.

אויף דעם אפעלאג דינגט דאס רעכט צו דערלאנגען אן אפעלאציע אין דער חעזע וואראווסקי אין פערלויף פון 11 טעג.

ווי מיר הערען וועט אזא אפעלאציע אבגעשיקט ווערען.

ווי אזוי האט זיך דערוויל געשאפען די „קאלא"?

ערקלערונג פון צייטווייליגע פרעזעס דעפ. ד"ר י. וויגאדסקי.

צוליב די נישט-ריכטיגע ידיעות, וואס האבען זיך בעוויזען אין מאנכע צייטונגען וועגען יודישען „ק.ל.", האבען מיר ערהאלטען פון צייטווייליגען פרעזעס דעפ. ד"ר י. וויגאדסקי פאלגענדען בריוו.

די רעד.

זעהר געעהרטער ה' רעדאקטאר!

דערמיט האב איך דעם כבוד צו בעט-טען אייך, ג. ה' רעדאקטאר, אפצודרוק-קען אין אייער חשוב'ער צייטונג די פאל-גענדע אויפקלערונג מיט די מיטגלידער פון בריוו-אפשריפטען.

צוליב די ידיעות, וואס האבען זיך בע-וויזען אין דער פרעסע וועגען דעם ענט-שטעהן פון'ם קלוב פון די יודישע דע-פוטאטען און סענאטארען ביים יודישען נאציאנאל-ראט, און צוליב די פערשי-דענארטיגע ווערסיעס, וואס דער תאריך שאפט האט ארויסגערופען, געפין איך, אלס צייטווייליגער פארזיצענדער פון'ם „יודישען קאלא אין סיים און אין סענאט" פאר גוטיג, כדי אויפקלערען די פאקטען וואס פערבינדען זיך אין קאנסטיטואנט, צו פערעפענטליכען אויפ'ן גרונד פון די דאקומענטען, וואס געפינען זיך אין די הענדען פון'ם יודי-שען קלוב פון פאריגען סיים, ווי אויך ארויס'ן גרונד פון דער קאנסטיטואנטען פון'ם יודישען קלוב, פאלגענדעס:

דעם 2. דעצעמבער 1922, ד. ה. באלד נאכ'ן איינבערופען דעם פאריגען סיים, איז דעם ביורא פון סיים און סענאט איבערגעגעבען געווארען דורך א ברוף נומער 1/22, דאס די יודישע דע-פוטאטען אין סענאטארען האבען געשאפען א יודישע קאלא אין סיים און אין סענאט פון דער פוילישער רעפובליק. ערבעט אין דעמאלט אונטערגעשריבען געווארען אין קאלא געהערען זיינען 4 בעזונדערע רעפרעזענטאנטען און סענאטארען-קלובען, און עמליכע:

1. קלוב פון סיים רעפרעזענטאנטען און סענאטארען פון יודישען נאציאנאל-ראט;

2. פערטרעטונג פון די יודישע סיים-רעפרעזענטאנטען און סענאטארען פון מזרח-גאליציען;

3. קלוב פון סיים-רעפרעזענטאנטען און סענאטארען פון דער יודישער ארטאדאקסישער ארגאניזאציע „שלומי אמוני ישראל" און

4. קלוב פון יודישע סיים-דעפוטאטען און סענאטארען פון צענטראלען פארוואלטונג פון דער פאראייניגונג.

כדי נעהער צו אילוסטרירען דעם זאכ-ווערט פון דער פירמע, לאז איך ביי אנ'אפשרייבען פון'ם בריוו, וועלכער איז אונטערגעשריבען געווארען דורך די ביורא פון סיים און סענאט.

פון די אויבענדערמאנטע 4 קלובען האט די „פערטרעטונג פון די יודישע סיים-רעפרעזענטאנטען און סענאטארען פון מזרח-גאליציען" געהאט פאר איהר אויפשטעלונג איינער דעם ענטשלאסענעם ארגאניזאציע ווערען צוגע-שיקט אין דער ביורא פון סיים און סענאט בעי (צומער נומער 43). וואס די פינגע אפהאלטען און וועלכע אין די איבריגע קלובען האבען געהאט ווערען בעוואר'ן אין די קאנטראל-פון זייער ארגאניזאציע.

צאהל נאך דעם, ווי עס איז צוזאמענ-געשטעלט געווארען דער יעצטיגער סיים און סענאט און עס איז אנגעקומען גע-ווארען אויף דער בעשלוסות'דיגער זיצונג דעם 23. מערץ ד. י. פון די רעפרעזענ-טאנטען און סענאטארען, וואס זענען אויס-געוועהלט געווארען אויף די ליסטען 17 און 18, בעשלאסען צו גרינדען א אייניגע פולען קאלא. — האט איך דעם 29 מערץ ה. י. איבערגעגעבען דעם ביו-רא פון סיים און סענאט א מעלדונג וועגען דער ענטשטעהונג פון'ם יודישען קא-לא וו. אויך וועגען זיין צוזאמענשטעל, בעשטעהענדיג דערביי, דאס די רעפרעזענ-טאנטען אין סענאטארען פון דער ליסטע 19 מרעשט ערהען און קאלא א'ט כליים פון יודישען נאציאנאל ראט „ע" אפשרייבט פון בריוף לעג איך בי.

אינאבעלאנגט דעם ז' דעם. העק-לער. האב איך שפעטער אינגעריכטעט א בעגלייטונג, דאס ער געהערט צום אין קאלא אלס פארשטעהער פון דער צי-וניסטישער ארבייטער-פארטיי „התאח-דות".

אינאבהענגיג דערפון האבען די דע-פוטאטען און סענאטארען פון דער ליסטע 18 מיטגעטיילט דעם 28 מערץ ה.י. (ד. ה. דעם זעלבען טאג) דעם ביורא פון סיים און סענאט, דאס זיי בילדען א קלוב פון רעפרעזענטאנטען און סענאטארען פון יודישען נאציאנאל-ראט, וועלכער איז א בעשטאנדטייל פון'ם יודישען קאלא.

אויף פון דעם דאזיגען בריוף לעג איך ביי אן אפשריפט.

איך גלויב, דאס די איבערגעגעבענע אויפקלערונגען וועלען פאלשטענדיג קלאר מאכען דעם ענין און וועלען מיטווירקען צו בעזייטיגען אלע מיספערשטענדנישען, וועלכע קענען ענטשטעהן צוליב דער נישט ריכטיגער און אומוויסענדער אויס-טייטשונג פון דעם ענטשטעהן פון'ם קלוב פון יודישען נאציאנאל-ראט.

איך בעט אנצונעמען די אויסדרוקען פון טיפער אכטונג און דאנק.

ד"ר י. וויגאדסקי.

ווילנע, 18 אפריל 1928.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטש — 20 —

גאסטראלען פון די בעליבטע לאדזשער ארטיסטען

חנה לערנער, דוד זיידערמאן

היינט זונטאג, דעם 22-טען אפריל 9 אווענד, צו ביליגע פרייזען

סיידי וואו קריכסטו?

אפערעטע אין 3 אקטען פון טיגעל, מוזיק פון רומשינסקי

הויפטראלען: סיידי — ח. לערנער, ריטשמאנד — ד. זיידערמאן.

מאנטאג, ד. 23. אפריל 9 פר. גרויסע פאפולערע פארשטעלונג פון 1 זל. ביז 2,50 זל.

די יודישע שיקסע

אפערעטע אין 5 אקטען פון שאר, מוזיק פון ש. סעקונדא.

הויפט-ראלען: פאליאשקע — ח. לערנער, בערעל — ד. זיידערמאן.

כ'ניזמע ענטגעגען: פר' בעזבאן, זעוו יגא, מאלאראסקא, פאדערמאן. ה"ה: אריעל, איזענ-בערג, בירנבוים, באלבירסקי, העסעבורגער, מאלאראווסקי, ניוהויז, פאלינאסקי, צוליך.

טענץ איינשטודירט פון טאנץ-מייסטער ב. לייבאוויטש.

געזעצ-פיהרער בעזמאן. ביהנע-לייטער: מאכס אשקי. מוזיק. לייטונג ל. זעלמאן.

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

אכטונג בוסק אכטונג

די ווילנע „אורא טשאטשא" אינ'ם קור-ארט בוסק, טשעפיאל און וויבענבלאט

און אינטערעסאנטען אין די הענד פון די ה"ה

וועלכע האבען אבגעפיהרט אלע נויטיגע אויסבעסערונגען און בעקוועמליכ-קייטען פאר די ג' גענס, ווי צ.ב.ש. עלעקטריש בעלייכטונג, וואס ר-לייטונג, אונטעראנטישער טעלעפאן א. ד. גל. ווי אויך א ניערע קלאסיגע יודישע קוכניע, וועלכער וועט זיין אפען פונ'ם 1-טען מאי.

פראפ. שניידער-מייסטער-מעראי אין לאדז, פיעטריקאווער 2.

דינסטאג, דעם 24 אפריל ה. י. 8 א זייגער אין אווענד קומט פאר אין פאראיין די יעהרליכע

גענעראל-פערזאמלונג

מיט וואלען פון א נייע פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע, צו וועלכער אלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

גלייכצייטיג מעלדען מיר אז דער פאראיין איז צוגעטרעטען ארויסצוגעבען האנטווערקער קארטען פאר זיינע מיטגלידער. איהר ווארט דערביי אויס-געפאדערט נישט צו פערזוימען און זיך פערשטענדיגען אין סעקרעטאריאט פון פאראיין יעדען טאג פון 8 ביז 10 אין אווענט.

די פערוואלטונג.

Dr. Różaner

ספעציאליסט פאר הויט-ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.

הײלונג מיט קווארץ - שטראהלען און דיאטערמיע

Dzielna 9 (Narutowicza) טעל. 28-98

פון 8—10, 5—8, פרייטאג 3—4.

לעזט און אבאנירט — דאס — „לאדזשער טאגעבלאט".

אויטא-שולע פון PRYLIŃSKI

Aleje Jerozolimskie 27

בילדעט אויס שאפערען, סעסלערען און שמבילינסקען.

Dr. Wołkowyski

זאכ דניא 57, טעל. 30-37

ספעציאל-ארצט פאר הויט-וועגערישע קרענקהייטען און מענער-שוואכע.

אלער ארט צגאליזען. בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען

נעמט אן פון 1—2 און 4—8.

Dr. med. L. Pikielny

ספעציאל-ארצט פאר נירען, בלאזע און הארן-קראנקהייטען

Nawrot 8, tel. 19-90

נעמט אן פון 4—7 אין אווענד.

צי הו-ארצט Z. BIELAKOWSKA

פון ווארשא — נעמט אן

קילינסקי 41 (נאווראט 41) טעל. 48-27

פון 10—$1^{1}/_{2}$ פארמ. און פון 4—7 אווענד

רענטגען, פלאמבעס, היילונג פון דוקסענסלעס, ציהן, א. אז. וו. — די ווינדא איז טעטיג.

Dr. M. Goldfarb

זאוואדזקא 14. טעלעפאן 29-51.

הויט- האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען

נעמט אן פון 9—12 פארמ. און 5 8 אווענד. פאר אומבעמיטעלטע — פרייזען ערמעסיגט.

לאדזשער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט אן פון 6 ביז 7 אין אווענד.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

„Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16 :אדרעס
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

צי וועט קומען צו א רעוויזיע פון דייוויס'עם פלאן?

בסודי-סודות איז זיך אין פאריז געזעסען א קאנפערענץ פון די דעלעגאטען פון ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען און שפאניען און קיינער האט דערפון נישט געוואוסט. געהאנדעלט האט זיך וועגען טאנזשער — א פארט אויפ'ן מיטעללענדישען ים וועגען וועלכען ס'געהט שוין לאנג א מחלוקה, ווער ס'זאל זיין איבער איהם בעל-הבית. דער דאזיגער פארט איז א וויכטיגער פאר די דערמאנטע מלוכות, ער איז דער עקאנאמישער שליסעל פאר זייער הערשאפט איבער די ים'ען, וואס דורך דעם דאזיגען פארט געהען די האנדעלס-שיפען פון כמה מלוכות.

איצט דערוואוסט מען זיך, אז די דערמאנטע קאנפערענץ האט דאס בעדערמאטע רעטיפיצירט א פראנצויזיש-שפאנישען אפמאך, וועלכער בעשטימט פאר די אלע דערמאנטע אנטיילנעמער פון דער קאנפערענץ די נארמע פון זייער דעה אויפ'ן דערמאנטען פארט.

פון הינטער די קוליסען דערוויסט מען זיך, אז שפאניען איז געווען נישט צופרידען מיט איהר חלק מכח, וואס מען האט איהר צוגעטיילט בנוגע טאנזשער און איז אפילו צוליב דעם, זייגער צוויי, ארויס פון דער פעלקער-ליגע, ווארפענדיג איהר דעם גט אין פנים. איצט אבער איז זי אויף דער געהיימער פאריזער קאנפערענץ געגאנגען אויף א קאמפראמיס. זי האט צוריקגעצויגען די גרעסטע טייל פרעטענזיעס פון איהר צד אויף טאנזשער און דערפאר האט זי זיך דערשלאגען געוויסע הנחות מצד פראנקרייך, שליסענדיג מיט איהר וועגען דעם אן אפמאך, בעשליסענדיג גלייכצייטיג צוריק צו'ן אריינצוטרעטען אין פעלקער-ליגע, וואו מען זאגט איהר אפילו צו בתור פאסיספאקטיט אנ'ארט אין ראט.

דאס איז בנוגע פראנקרייך און שפאניען און איצט בנוגע פראנקרייך און איטאליען.

איטאליען האט שוין לאנג תביעות אויף טאנזשער נאך מעהר פון שפאניען. בעפרידיגען די דאזיגע תביעות פון איטאליענישען דיקטאטאר מוסאליני איז אבער געווען שווערליך. שפאניען האט מען געקענט, ווי ס'איז פערדערדען די צייט, מוסאליני איז אבער א הארטער גוף און איהם איז שוין שווערער איינצוביטען.

אין טאקי אויף דער קאנפערענץ געווען דער שווער-פונקט איטאליע'נס תביעות. וועגען דעם האבען זיך געפיהרט אונטערהאנדלונגען צווישען רוים און פאריז.

מען דארף פערשטעהן, אז דערגרייכען א הסכם וועגען דער בעהערשונג אויפ'ן מיטעללענדישען ים איז נישט וועניגער וויכטיג פאר'ן אויפהאלטען דעם אייראפעאישען ש"לום און רוה, ווי די בערוהיגונג פון מזרח-אייראפא, ווי תמיד אין פריהלינג, הויבען אן קומען פון באלקאן בעאונרוהיגענדע ידיעות. אלבאניען האט געשלאסען איהר טייל גרעניץ מיט יוגאסלאוויע, מלופרש'ט צוליב'ן פלעק-טיפוס אין אכר'דער קאנט, הגם יוגאסלאוויען האט אפיציעל געמעלדעט, אז קיין שום טיפוס איז דארט נישטא און אז אלבאניען האט די גרעניץ געשלאסען, כדי צו קענען דערווייל ארגאניזירען באנדעס מיט דער הילף פון איטאליען און צונאלען אויף יוגאסלאוויע. מעגליך די דאזיגע ידיעות זיינען איבערגעטריבען. אבער שוין די מעגליכקייט פון אזעלכע מיני ידיעות בעווייזט די נישט נארמאלע לאגע אין מזרח-טייל פון מיטעללענדישען ים. די דאזיגע נישט נארמאלע לאגע קען בעזייטיגט ווערען נאר דורך אנ'אפמאך צווישען פראנקרייך און איטאליען.

אויסער די דאזיגע ענינים האט די געהיימע קאנפערענץ בעהאנדעלט שוין נאך א זעהר וויכטיגען ענין, וואס איז נוגע אייראפא אלץ גאנצעס. ס'האנדעלט זיך וועגען א רעוויזיע פון דייוויס'עס פלאן. דער פלאן פון אמעריקאנער שטאטס-סעקרעטאר איז בעשטאנען אין לעזען דאס פראבלעם פון די רעפאראציע-התחייבות'ן ד.ה. די מלחמה-חובות, וואס די בעזיגטע זיינען געבליבען שולדיג די זיגער און אויפ'ן סמך פון וועלכע ס'דינט די זשירע אין דער פארם פון דער רחמן-אקופאציע א. א. צקופיציע. איצטער האט די זיגער ארומגעכאפט אנ'אלגעמיינער פערלאנג צו פערקלענערן די סומע פון די רעפאראציע-התחייבות'ן און מעגליך מאכען אויף אזא אופן די באפרייאונג פון רחיין מצד די אקופאנטען און פערווירקליכען די לאקארנא-פאליטיק ד. ה. איינשטעלען א פעסטען פראנצויזיש-דייטשען בונד. דער טעם, דאס די זיגער ווילען דאס ביזאמעל ווערען גוט און פרום איז וואס אמעריקא איז פראינטערעסירט, אז אייראפא זאל איינמאל פאר אלעמאל ווערען קרעדיט-פעהיג. זין פאר אמעריקא האט אייראפא סוף-כל-סוף דורך-אר'ך, ווי דער כלל, פאר א גביר.

נישט פערמאל האבען זיך שוין אפילו לאנג געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען דעם ענין אין ניו-יארק, לאנדאן, פאריז און בערלין, פונקט האט פואנקארע געזאגט אנצוהערעניש אין א רעדע, אז פראנקרייך איז גרייט צו גיהן מיט דייטשלאנד צו מענשען צוזאמען מיט אלע איהרע איבעריגע קרעדיטארען. פואנקארע איז בידוע נישט קיין פזרן אויף שלום-דרשות און דאס דאזיגע אנצוהערעניש איז דעריבער סימבאליזמאטיש און מען האלט געקענט האבען אויף אנ'אייראפעאיש-אמעריקאנישען הסכם אין דעם פרט, אויב ס'זאל זיך נישט פערניכטען דער שטן.

א קשיה אויף א מעשה.

א. י.

וואס פאר אנ'ערציהונג

מיר דארפען געבען אונזערע טעכטער.

די וויכטיגקייט פון פראפעסיאנעלער בילדונג.

פון רפאל פעפער.

...ר'ן ווארט „יוגענד", וועלכע מיר פערבריינגען צו א זעלבסטשטענדיגען לעבען, פערשטעהן מיר שטענדיג די גאנצע יוגענד, הגם דער אויפ-וואקסענדער דור בעשטעהט מעהר פון מעדלעך.

דער אידעאל פון ס'רוב עלטערן איז צו לערנען זייערע טעכטער אין גימנאזיום. דער פאטער נעמט אן אלע מיטלען צו מאכען פון זיין טאכטער א געבילדעטע פרוי. אין אנהויב זענען די עלטערן גליקליך. זייער קינד לערנט שוין אין 4. קלאס גימנאזיום, אין 5. קלאס. ווען דאס מעדעל קומט אבער אין די העכערע קלאסען—קומט די אויסניכטערונג בא די עלטערן און אפילו ביי די שילערינס גופא. די מיידלעך מיט מאטורא-צייגנישען שטעהען פאר די טויערן פון דער אוניווערזיטעט אהן גלענצענדע אויסזיכטען אויף דער צוקונפט. ס'רוב יודישע מאטוריסטקעס קומען אויפ'ן פילאזאפישען פאקולטעט און שפעטער נאך א פאר יאהר ארבייט אין דער הויך-שול, מאכען זיי א קאריערע פון א לעהרערין. די גליקליכע פון זיי, וועלכע כאפען זיך שוין יע ארויין אין גן עדן פון דער וויסענשאפט, אויפ'ן מעדיצינישען פאקולטעט, האבען אויך נישט קיין גרויסע אויסזיכטען אויף פיהרען א זעלבסטשטענדיגען לעבען. אין בעסטען פאל קומען זיי אן אלס דאקטער אין דער קראנקען-קאסע, אבער דערצו פאדערט זיך זעהר גרויסע פראטעקציע, און נאר יחידי סגולה זענען זוכה דערצו. ס'רוב אבער פריש-געבאקענע דאקטערקעס האבען כמעט נישט קיין אויסזיכטען צו לעבען פון דער מעדיצינישער פראקטיק.

אויב מיר זאלען זיך אפילו שטעלען אויף דער הנחה, אז פאר שילערינס פון די גימנאזיעס און אוניווערזיטעטען שטעהט פאר א גלענצענדע קאריערע, בילדען זיי אבער מעהר נישט ווי 5 פראצענט פון די אלע מעדלעך, וואס זענען בעצוואונגען זיך צו לערנען א מלאכה. און דא מוזען מיר מודה זיין, אז אויף דעם געביט האט זיך גארנישט געענדערט. די מלחמה האט צושטערט די אלטע יסודות פון יודישען לעבען. דער פאטער קען נישט האלטען די טאכטער אין שטוב ביז צו דער חתונה, ווי עס איז געווען אין די אמאליגע גוטע צייטען. יעדעס מעדעל מוז פערדינען אויף צו לעבען. און דא שטעלט זיך פאר די עלטערן די הארבע פראגע, וואס פאר א פאך צו לערנען זייער קינד.

אויב מיר זאלען נעמען, אז 80 פראצ. מעדלעך לערנען זיך די מלאכות, וואס ליגען שוין פון לאנג אין די הענד פון פרויען, ווי שניידערין, וועש-נעהערינס, מאדיסטקעס און א טייל געהט ארויין אין האנדעל און אינדוסטריע אלס נישט קוואליפיצירטע ארבייטערינס, בלייבט נאך אלץ איבער א גרויסער פראצענט מעדלעך, וואס פאלען ארויין אין האנדעל אלס פערקויפערינס און ענליכע זאכען. קיין הויך-קוואליפיצירטע פרויען-קרעפטען זענען איצט אין האנדעל נישטא. ס'רוב האט מען דא צו טון מיט אנגעשטעלטע, וועלכע בעזיצען אנ'איינגעבוירענע אינטעליגענץ, ווי פאך-בילדונג. די פערקויפערינס האבען ביי אונז בכלל נישט קיין שום געהערי-

(ענדע זעה זייט 4)

ווער איז דער קעניג אמאנולאה,

וועלכער וועט היינטיגע וואך זיין דער גאסט פון פוילען.

וואס האט ער אלץ אויפגעטאן פאר זיין לאנד? — פארוואס איז ער אזוי פאפולער אין אפגאניסטאן און אין דער גאנצער וועלט? די מערקווירדיגע ראלע פון דער קעניגין סוראיא. — דער קעניג בעטראכט זיך ווי א יוד.

אמאנולאה כאן, דער קעניג פון אפגאניסטאן, וועלכער איז אומעטום אויפגענומען געווארען מיט דעם גרעסטען פראכט און גלאנץ, ווי עס פאסט פאר א קעניג וואס היינטיגע וואך זיין דער גאסט פון פוילען.

דער קעניג אמאנולאה כאן פאהרט נישט אליין. מיט איהם פאהרט קודם, מיט זיין פרוי סוראיא, וועלכע איז א זעלטענע שעהנהייט, און אין אייראפא איז זי בעוואונדערט געווארען סיי פאר איהר שעהנקייט, סיי פאר איהר עלעגאנץ און סיי פאר איהר בילדונג, וואס זי בעזיצט.

אפגאניסטאן גרעניצט זיך מיט אינדיען רוסלאנד און פערסיען. דאס לאנד איז זעהר רייך אין נאטירליכע רייכטימער. דער קעניג איז אויסערגעווענליך רייך, אזוי אז מען זאגט, אז דער ענגלישער איז געגען איהם א קבצן.

ווי די זאך זאל נישט זיין, איז קעניג אמאנולאה אנ'אינטערעסאנטע פערזענליכקייט. ער איז געווארען קעניג ערשט אין יאהר 1919, נאכ'ן טויט פון זיין ברודער וועלכער איז ערמארדעט געווארען אין זיין פאלאץ, דורך אנ'אפ-ציר — און אונטער זיין הערשאפט האט די מערקווירדיגע מדינה בעקומען א גאנץ אנדער פנים.

אמאנולאה האט בעקומען אנ'אייראפעאישע ערציהונג. ער האט געענדיגט אנ'אוניווערזיטעט אין פאריז און ער קען גוט דאס אייראפעאישע לעבען. זיין חלום איז אלעמאל געווען צו ציוויליזירען זיין לאנד און מאכען זיין פאלק מיט לייטען גלייך.

נאך ווי לאנג זיין ברודער האט געקעניגט, האט דערפון נישט געקענט זיין קיין רייד. דער ברודער איז געווען א מאהמעדאנישער פאנאטיקער און מורא געהאט פאר דער קלענסטער רעפארם אפילו.

אמאנולאה האט געפרובט אויף איהם ווירקען, ער זאל מאכען געוויסע רעפארמען אין לאנד, אבער יענער האט איהם נישט געוואלט הערען. פערקעהרט, ער האט איהם בעטראכט פאר א שרעקליכען אפיקורס און עס איז געווען א געפאהר, אז ער זאל פערשפארט ווערען אין א טורמע, אדער אין א משוגעים-הויז.

אמאנולאה האט זיך געמוזט אונטערווארפען אלע מנהגים פון לאנד, כדי מען זאל איהם נישט פערפאלגען און ער זאל זיך קענען פארבערייטען צו זיין אויפגאבע — צו נעהמען ציוויליזירען דאס לאנד בא דער ערשטער געלעגענהייט, ער האט געמוזט, ווי אלע הערשער און אריסטאקראטען, אויסהאלטען א גאנצען הארעם מיט ווייבער, כאטש אין פריוואט איז ער געווען געגען דעם.

די געלעגענהייט איז געקומען, ווען ער האט איבערגענומען דעם טראהן פון אפגאניסטאן. אמאנולאה האט קודם אלץ געגעבען א ביישפיל דערמיט, וואס ער האט פונאנדערגעטריבען זיין איינגענעם הארעם און זיך געלאזען אנ'איינציגע פרוי, די דערמאנטע סוראיא. דאן האט ער ארויסגעגעבען א פערבאט חתונה צו האבען מיט מעהר ווי איין פרוי. אלע הארעמס האבען געמוזט צוטריבען ווערען.

דעמאלט האט אמאנולאה געוואגט אייניפיהרען אין רעפארם ביי דער אנדערער — און עס האט זיך אין לאנד אויפגעהויבען א בונט געגען איהם. דער בונט איז געווען אזוי גרויס, אז דער קעניג'ס לאגע איז געווען זעהר א שווערע.

ער האט געמוזט ארויסשיקען די ארמעע אונטערצודריקען דעם אויפשטאנד. דאס איז בעזונדערס געהעצט געווארען פון די מאהמעדאנישע גלחים. אבער זיך פערלאזען אויף די גענעראלען האט ער נישט געקענט, ער האט זיי מורא געהאט צו געטרויען. נו, האט זיין בעטראכט כמראיא איבערגענומען די קאמאנדע איבער'ן מיליטער און צוזאמען מיט איהר מאן האט זי אונטערדריקט דעם אויפשטאנד.

אבער דאס פאלק איז נאך אלץ געווען אומרוהיג. אמאנולאה האט געזעהן, אז ער וועט כסדר האבען צו טון מיט בונטען און פערגיסען דאס בלוט פון זיין פאלק נאכאמאל האט ער נישט געוואלט. איז ער געפאלען אויף אן פלאן:

ער האט בעשטעלט אין פראנקרייך אנ'עראפלאן און ווען דער עראפלאן איז אנגעקומען, האט ער זיך ארייננעזעצט אין איהם און געפלויגען איבער'ן גאנצען לאנד. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס מען האט אין יענעם פערשטאנענעם ווינקעל פון דער וועלט בעוויזען אזא פליהענדע מאשין און זעהענדיג, אז דער קעניג פליהט, איז דער עולם געפאלען מיט גרויס אימה אויף די קניען פאר דעם קעניג...

מען דארף דא בעמערקען, אז ווי אין אלע מאהמעדאנישע לענדער איז דער קעניג אויך דער הויפט-הערשער פון דער רעליגיע, אלזא, זעהענדיג דעם קעניג פליהען, איז מען נאך מעהר איבערצייגט געווארען אין זיין איבערנאטירליכער קראפט.

דאן האט אמאנולאה איינגעפיהרט עטליכע אויפקלערונגען. און ער איז אין איינעם פון זיינע ארומפאהרען מיט זיין פרוי איבער די שטאט און דערפער. דערמיט איז נאך גרעסער געווארען דער דרך-ארץ און פערהאלטונג פון קעניג.

בעת דער קעניג האט געארבייט צו ציוויליזירען דאס לאנד, האט זיין פרוי זיך גענומען ציוויליזירען די פרויען, האלטענדיג, אז די מוטער פון די קינדער, די ערציהערין פון נייעם דור, מוז זיין די ערשטע ציוויליזירט צו ווערען.

זינט 1919 האט אמאנולאה אויפגעטאן גרויסע זאכען פאר זיין לאנד. ער האט איינגעפיהרט אייזענבאהנען, עלעקטרישע

(ענדע—זייט 5)

אין א וועלט פון אליין

(פעליעטאן) פון פאמפאדור.

און שוין דא, חמסס עס, אויך א פידעל וואס שפילט אליין!

זאג איך זיך: אט, וועט עס בא-זיין א טייערע וועלט! און וועט עס זיין גוט צו לעבען אויף דער וועלט!

איהר פערשטעהט? אלץ וואס זיך טוט אליין, ווי מיט א כישוף: א פידעל שפילט אליין. א בעזים וואס באלד קעהרען אליין. זיך אליין אויפשטעלען אין א ווינקעלע.

א נאראל וואס טו התתם זיך אליין ארומגעמען א פארים אין אליין גענומען, וואס מען דארף — אלים שניידערט און קריגט!

אנ'אויטאמאביל וואס זיך געשווינד נאר אנגעלעגט אליין אנגעטאן מיט בענזין און אליין פערטעט און פערקערטשעט.

און א פעדער אפילו וועט זעלבער בקרוב שרייבען אליין.

די עקסטאמונג וועלט וועט זיין א גרויסע, א מחיה'דיגע, א שפילעוודיגע.

דער מענש וועט זיך קענען ליגען אויף דער ווייכער מאטע, רויכערן א שמעקעדיגען סיגאר, וועלכער וועט פון זיך אליין זיך אנצינדען. און הנאה האבען פון לעבען און פון רוה.

ארבייטען וועט ער נישט דארפען. מאשינען וועלען אליין זייען און שניידען תבואה, נייהען קליידער, בויען הייזער, פון אלץ, וואס מען בעדארף.

און הויז וועט זיין שטיל. בעטען וועט און קינד וועט ארבייטען א „גולם" און וועט נישט מאכען זיך בעקלאגען, אז עס שטעלט איהר אין די זעמען פון דער ארבייט.

עס וועט זיין שטיל. אפילו האבען א קינד וועט זי אויך אהן ווערהעבען, אזוי פערזיכערט איהר א פראנצויזישער פראפעסאר.

און צו דער מענש וועט ווערען מאכען א שפאצער, וועט זיך פאר איהם אליין עפענען די טיר און ער וועט ארויספאהרען מיט אנ'אויטאמאבילישער הויב-מאשין.

און ער וועט געהן אויף בעשטעלטע פראמענאדען. געהן שבת'דיג מיט פערליבטע העגער אויף החנטען און אנגעטענטע ... א ניגון'דעל:

„אוי נום, אוי נום!"

טא טא, טא טא!

און וועט ער וועלען טאנצען א פאלקער מיט אנ'אויטאמאביל, וועט ער נישט דארפען צולויפען א האנד צום רעדעל, די מאשין וועט לויפען אליין, זיך אפשטעלען אליין, פערקערעווען אליין.

אין פועל יוצא: א מענש וועט סאצען פערגעצען אין א מאשין זיינע הענט אויף לעבעדיגע זאכען, ווי דערדערען דאס רעדעל. אויף ראמאנטישע ארבייט, אזוי צו זאגען.

הכלל, עס וועט זיין א טייערע וועלט, א פרעהליכע וועלט!

דערציהלט אונז עס מיינעם א פריינד, א מסביל יעהרינגען קלינגען יאר, פערקראמט דעם יאר מיט'ן גאון.

— וואס קרימט איהר מיט'ן גאון? — פרעג איך איהם.

— איך וויל אייך זאגען — מאכט דער יאר — איך וואלט נישט געוואלט לעבען אין אזא וועלט. צו וואס? א וועלט וואו מען דארף נישט קיין הענט און קיין פיס! א קאליקע וועלט!

צו וואס טויג דאס לעבען?

דער מענש מאכט גולם'ס. אבער אנדערע, מעהר פון אלץ וואס ער צולייגען א גולם. וויל א מענש מיט ארבייטען, עפעס פון אליין, זיין גלייך. אבער זיין אויף עפעס ביי דער גאנצער ארבייט פון די ערפינדונגען — טויג נישט.

און אזא וועלט וועט א מענש זיכער ווערען פויל, ווי זונ'שלעכט ... אין עס וועט נישט זיין אפילו, ווער עס זאל איהם אויפוועקען!

א פידעל, וואס שפילט אליין — טויג נישט, און נאך צו דערליידען, ס'איז נישט אזא געפערליכע זאך.

אבער נעמט, למשל, א בעזים, וואס קעהרט אליין, און וואס, פרעג איך אייך. וואס דארף וועב מען?

די הייליגע ווייבער געהען דאך שוין אזוי אויך ארום פוילע!

זי וועט נישט קעהרען דאס הויז, זי וועט נישט וואשען די כלים, זי וועט נים קאכען, זי וועט גארנישט טוהן — און וואס וועט זי טון?

וועט זי זיצען און יאמערן דעם מאן.

וואלט'ען בעשטער די חכמים אויסגעטראכט א וויגעל, וואס שוקלט זיך אליין, און שטעלט א פידעל, וואס שפילט אליין? דאס וואלט געווען א סוף א נוצליכע ערפינדונג.

מאך איך צו מיין יודען: איהר זעט א יאר א פעראמעדעטס. אבער ס'איז נישט אזוי שרעקליך, ווי איהר מאלט זיך. מענשען האבען זיך פון אמאל אן געשלאגען פאר נייע ערפינדונגען, אבער מען געוואהנט זיך צו און עס ווערט ווידער גוט. און וואס ארט אייך, אז א מענש וועט זיך יא פוילען? וואס צום טערט אייך פאר פוילקייט? מענשען האבען צוליב גענעסע, צימיק, שענען זיי זיך א קאפ'-ווייטיג אינטערעסירען!

וואלט די ווינטערלעכע פאר זיי ארבייטען! זי איז נישט קרעפטיג צו ארבייטען!

וואלט א מענש זיך אגדרואען א פידעל, צוגילעכלעכען די נערוועכן אשר וועט ער זיך צו פעלם דערוועראבען?

ווען מען נעמט אפילו פון א מענשען דאס שווערע ארבייטען אין די דאטות פראכטה און מענליך, אז סור וועלען די ... א עסים. אשר נאר ווערען מלאכים? כ'לעבען עס איז שוין צייט.

מען זאגט דאך, אז מענשען וועלען אמאל ווערען מלאכים, נאר מען האט זיי פערשטאטען, וועלען זיי געוואדען מענשען.

און וואס שייך הענט און פיס, מיין ליבער יאר, האט אנדער געווען נישט וואס צו זארגען: איך זאג, כל זמן עס וועט זיין דא ווייבער אויף דער וועלט, וועלען מענשען אלץ אזוי נישט לאזען זיצען רוהיג. ווייבער וועלען שוין צוטראגען גאנץ פיצען מיט וואס צו פערגרעסערן די מענשענס צייט.

און וואס איז די ליבע? זו מענשען וועלען האבען אזוי פיל צייט, וועט מען זיך אויסקעהרען צוריק צום אלטען ליבע שפיל און די וועלט וועט ווערען צוריק א ראמאנטישע סענטימענטאלע אין עס וועט זיין משעקאווע:

פון איין זייט מאשינען, וואס ארבייטען אליין, און פון דער צווייטער זייט — ראמאנטיק. ערגערט זיך נים, פעטער, נישקשה, די וועלט ווערט גאר נישט חריב!

און חוץ דעם ווענען דארף דא נאך דער-וואליציעס איך! ווען דעם מענשען וועט מיאוס ווערען זיין גארנישט-טון, וועט ער נעמען און צוברעכען די פידעל, וואס שפילט אליין, צעהויען דעם גולם און זיך נעמען צוריק ארבייטען מיט די הענד, ווי גאט האט געשאפען.

זייט רוהיג, פעטער! דער מענש איז נאך נישט אויסגעשפילט, לאמיר אנ' פערמאכען א פידעל, וואס שפילט אליין.

דער מענש וועט זיך נאך פריוועט ... מאל אומקעהרען און צוריקפארען, נים קיטערנוג אויף דעם בעזים, וואס קעהרט אליין.

בכלל געפעלען מיר די אויטאמאטישע ערפינדונגען און איך ווארט אויף'ן מאמענט דער מענש וועט אויך ערפינדען א גולם, וואס זאל פאר איהם שרייבען פעליעטאנען.

א יודישער קאמיטעט פאר די אלימפישע שפילען אין יאהר 1928.

אמסטערדאם (יט"א) די אמסטערדאמער יודישע יוגענד גרייט זיך צו דער אויפנאהמע פון די יודישע אנטיילנעמער אין די אלימפישע שפילען, וואס וועלען דעם זומער ווערען פאראנשטאלטעט אין אמסטערדאם. די טעג איז דא אנגעגרינדעט געווארען א בעראטונג פון א רייהע יודישע יוגענד-פערייניגונגען געהאלטען דעם ענין. די אשכנזי'שע יודישע קהלה האט שריפטליך צוגעזאגט איהר מיטארבייטען. עס וועט ווערען געשאפען א ראט, וועלכער וועט בעשליסען וועגען די פארבערייטונגען צו דער אויפנאהמע פון די יודישע אנטיילנעמער און נעמען פעולות אין די אלימפישע שפילען.

דער רב-הכולל פון אמסטערדאם האט מיטגעטיילט דעם פארשטעהער פון יט"א, אז די יודישע געסטע צו די אלימפישע שפילען וועלען בעקומען פאסערטע מאכלים, כשר עסען.

J. LUKASCHIK Fabryka Mydła

געגרינדעט אין 1845 TARNOWSKIE-GORY געגרינדעט אין 1845

עמפפעהלט איהרע בעקאנט-ערשטקלאסיגע אויסערבייטונג אין הויזהאלטונגס-פערבינדונגען, מיט דער געזעצליך געשיצטע ספעציעל-מארקע

MŁOTEK i PERLIK

וועלכע שטעהט זעהר הויך אין איהר קוואליטעט, זעהר פיינע: טואלעט-זייפען אין היגיעניש געשמאקפולער פערפאקונג, ווי אויך הויכפראצענטיגער זייפען-פולווער מיט דער מארקע „Polonja", אין דער בעסטער קוואליטעט.

די פראבע מיט מיינע אויסארבייטונגען פערזיכערט אייך א לאנג-דויערנדע קליענטעלע.

גענעראל-פערטרעטונג פאר לאדז און וואיעוואדשאפט:

Ignacy Kuczyński i Arnold Karpf, Łódź, Piotrkowska 121

Telefon 47-77.

לאדזער כראניק.

ביז׳ן 30. אפריל מוזען אפגעגעבען ווערן זעזאָניעס אויף הכנסה־שטייער.

(§) די לאדזשער פינאנץ־טאמבע דער־מאנט די שטייער־צאהלער, אז דער טער־מין פון אפגעבען „זעזאָניאַניעס" אויפ׳ן הכנסה שטייער ענדיגט זיך דעם 30 אפ־ריל. אפגעבען „זעזאָניאַניעס" זענען מחייב אלע יענע פערזאָנען, וואס האבען א האנדעלס - אונטערנעהמונג און וועמ׳ס הכנסה אין יאהר 1927 האט איבערגעשטיגען די סומע פון 1500 זל.

באם די „זעזאָניאַניעס" וועלען נישט אפגעגעבען ווערען, וועט די שטייער־טאבע אויסרעכענען דעם שטייער לויט די מאטעריאלען וואס זי באזיצט, און א־סער דעם דראהט דערפאר א שטראף לויט׳ן ארט. 92 פון אוסטאוו וועגען אנ״ם־שטייער.

נאכט־דיזשור אין די אפטייקען.

היינט די זשורדע פאלגענדע אפטייק־ען: וואַרשאַווסקי, נאַפּיורקאָווסקי 27, לאַנקעלעווסקי בעשטיקאווער 127, אוליצ־קי און צימער וואלטשאנסקא 37, לייבערבער פרעטהמס פלאץ 2, הארטמאן אלעקסאנדראווסקא 2, קאהאנע אלעקסאנדער־ער 60.

גערער רבי בעפוילען צו ליקווידירען די געמישטע יאטקעס אין לאדז.

ענערגישע אקציע פון ראבינאט מיט׳ן ועד־הכשרות.

(ג) די ידיעה וועגען די אנאָנימע חערגונגס־בריף צום ראבינאט און צום ועד־הכשרות, אז טייל קצבים פון די געמישטע יאטקעס זענען מאכיל־טרפות, האט אין שטאט געמאכט א שטארקען רושם. דער דאזיגער ענין ווערט הייס ארומגערעדט אין אלע בתי־תפילה און שטיבלעך און פון אלע זייטען ווענדט מען זיך צום ראבינאט ווענען סקאסירען די יודישע יאטקעס, וואס פערקויפען כשר מיט טריפות פלייש צוזאמען.

מען גיט אונז איבער, אז אויך צו א רמה אנגעזעהענע רביים אין פוילען זענען פון לאדז געשיקט געווארען בריף מיט דער חתימה „דער אמת ברויך ניט קיין אונטערשריפט". אז מיט׳ן ענין כשרות אין די לאדזער געמישטע יאטקעס האלט עס זעהר שמאל. אזא בריף האט אויך דערהאלטען דער גערער רבי שליט״א, וועלכער האט בעפוילען זיין שוואגער ר׳ בונם לעווין און דעם פרנס יוסף וואידיסלאווסקי, זיי זאלען זעהן צוצואיילען און א סוף צו מאכען צו דער פלאג פון די געמישטע יאטקעס אין לאדז.

די אגודת־הרבנים אין הערשט בקריה־רעגדיג די פראגע פון די געמישטע יאטקעס אין לאדז, האט פעסטגעשטעלט, אז אזעלכע שטעט ווי ווארשא, ווילנא, ביאליסטאק, גראדנא א. א. וו. ווייסען נישט פון אזא סיסטעם, א ווײַ לאדז, האט איז אין דער הינזיכט אנ׳אויסנאהם פון גאנץ פוילען.

דער לאדזער ראבינאט האט צוזאמען מיט׳ן ועד־הכשרות ביי דער קהלה בא־שלאסען ארויסצוגעבען שטרענגע איסורים, אז מען זאל זיין נזהר ביים קויפען כשר פלייש אין געמישטע יאטקעס. דער ראַ־בינאט וועט אויפאָדערן אלע יודישע קצבים ארויסצונעמען הכשרים, אין גע־גענטייל וועט ארויסגעגעבען ווערען אנ׳איסור אויפ׳ן פלייש פון אלע לאדזער יודישע יאטקעס. הכשרים וועט דער ראבינאט ארויסגעבען נאר יענע קצבים, וואס פערקויפען אין זייערע יאטקעס בלויז כשר פלייש.

דער רידזעווסקי־פראצעס זאל אננעמען א נייע ווענדונג.

צי וועט דער מערדער פון פרעז. צינארסקי זיך ארויסדרעהען פון דער תליה?

(:) ווי מיר דערוויסען זיך, וואט דער פערטיידיגער פון רידזעווסקי׳ן, אדוואַ־קאט דאבראצאלסקי - אבערמאָווסקי פרעזענטאַ־טיווע דערנאך געמאכט שטעלען פאטאגרא־פישע אויפנאמען פון יענע מינוטען פון קאנטאמיכאטער וועלדער, וואו רידזעווסקי האט געארבעט לויט׳ן עדות זאגען פון די אלימימטען בעת עס איז אויסגעפיהרט געווארען דער מארד אויפ׳ן פרעזידענט צינארסקי.

די דאזיגע פאטאגראפישע אויפנאַה־מען זאלען פארגעשטעלט ווערען דעם אפעלאציע - געריכט אויפ׳ן פראצעס דעם 22 מאי ד. י., כדי צו בעווייזען, אז די בעוועלדונג אויפ׳ן ארט וואו רידזעווסקי האט געארבעט איז אזוי שטאַרק, אז די אלימימטען האבען איהם נישט געזען בעת דעם ... צייט פון דער ארבייט.

עס זענען פארהאן געוויסע גרונדען, אז דער פראצעס געגען רידזעווסקי׳ן זאל נעמען זיך ברענגען א רויע טייפנדיגע דורך די נייע עדות, וואס די פערטיידיגונג האט ארויסגערופען. די דאזיגע עדות קענען האבען פאר׳ן פראצעס א גרויסע בעדייטונג און ברענגען א גאנץ נייע ווענדונג.

צוזאמענפאהר פון די יוד. קאאפעראַ־טיווע בענק פון די לאדזער וואיעוו.

די קאאפעראטיווע בעוועגונג שפילט היינט צו טאג א גרויסע ראלע און ווירט־שאפטליכען לעבען פון די יודען און פוי־לען. די דעמאקראטישע פרינציפען, אויף וועלכע די קאאפעראציע איז געבויט, האט בעוויזען מיטהעלפען צו ... ארויסצוהעלפען און זי צוהאלטען ... אלע ... ווירטשאפט. ביים היינטיגען טאג צעהלט דער פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווע געזעל־שאפטען און פוילען איבער 400 קאאפע־ראטיווע בענק מיט בערך 15 מיליאנען מיטגלידער און הגם דער פערבאנד איז פערבונדען אין ארגאניזאציאנעל זעהר גוט ... ... צוזאמענקומען דעם צווייטען פון די נייע בענק מיט זייערע הונדערטער מיטגלי־דער.

כדי צו זיכען מיטלען, ווי אזוי צו קענען מעלדען זייערע אויפגעבויטע בענק ... אין אלע ... פון דער יודישער קאאפעראציע.

און צוזאמענפאהר וועלען זיך אויך בעטייליגען: דער פרעזעס פון פערבאנד ה׳ ד״ר מאיר קלומעל, דירעקטאר פון פערבאנד ה׳ א. בערקענוויים, מיט דעפו־טאט חיים ראסנער, דירעקטאר פון דער באנק פאר קאאפעראטיווע, ה׳ גאווארה־סקי און אינספעקטאר פון די קאאפעראַ־טיווע בענק און דער לאדזער וואיע־וואדזשטווא ח׳ א. שכויש.

ב. אדרונאגס.

קריטישע לאגע פון סוחר־טים.

גרויסע פערזאמלונג אין צענטר. סוחרים־פעראיין.

היינט 4 נאכמ. קומט פאר אין לאקאל פון צענטראלען סוחרים - פעראיין (פעט־ריקאווער 10) א גרויסע פערזאמלונג פון די מיטגלידער מיט׳ן צוטייל פון דעפו־טאטען און סענאטארען וועגען קריטי־שען מצב פון סוחרטום. די פערזאמלונג האט צוליעב די סוחרישע קרייזען ארוים גערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג.

אלע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען מוזען ביז׳ן 25. ד. ח. צושטעלען סטאטיסט. בעריכטען

(§) די לאדזשער ארגאניזאציעס פון דער טעקסטיל - אינדוסטריע האבען שוין בעקומען פון רויכט וסטאטיסטישען אמט פלאן בויארען אמצאגעבען סטאטיסטי־שע בעריכטען פאר׳ן יאהר 1927. די דאזיגע בעריכטען מוזען אפגעגעבען לויט דער פעראָרדנונג פון מיניסטעריום בעזם אלע טעקסטיל - אונטערנעהמער, וואס האבען אין פארגאנגענעם יאהר אויסגעפיהרט פון דער 1. ביז דער 7. קאטעגאריע פאַ־טענטען אויסשליסליך.

די אויסגעפילטע פארמולארען מוזען צוגעשיקט ווערען צום הויפט־סטאטיסטי־שען אמט שפעטסטענס ביז׳ן 25 ד. ח. די פירמעס וואס האבען קיין פארמולא־רען נישט בעקומען, מוזען ווענדען דעם תוך ווערען צום הויפט־סטאטיסטישען אמט.

וואס פאר אנ׳ערציהונג מיר דארפען געבען אונזערע טעכטער.

(ענדע פון זייט 3.)

לע פאך־אויסבילדונג. דאס דירעקט דע־ריבער זעהר שלעכט אויף די פערדינס־טען און די אנגעשטעלטע־פרויען אין די האנדעלס־אונטערנעמונגען בעקומען זעהר נידריגע גאזשעס.

צו פעלד־ארבייט און הויז־דינערשאפט געבען אונזערע טעכטער נישט קיין וויבריגען חשק. די דאזיגע מאכען לע־בען נישט, חוץ זיי געבען נישט קיין טום אויסזיכטען אויף דער צוקונפט.

אין מערב־אייראפא בעשעפטיגט זיך אפילו די פערהייראטע פרוי ביי א פאך, אפילו דאן, ווען זי האט איניגע קינדער ... ... דער דאגה פרנסה. דאס לעבען אין בערלין, פאריז, לאנדאן און אין אלע אנדערע גרויסע אייראפעאישע צענטרען איז אזוי שווער, אז דער קאפ פון דער פאמיליע איז בשום אופן נישט בכח ארויסצוציהען די חיונה פאר׳ן גאנצען אויז־געזונד. אלע מוזען דארט ארבייטען, דער מאן, די פרוי און די ער־וואקסענע קינדער, און דאן ערשט קען מען ווי נישט איז אדורכשלאפען מיט דער גרויס־שטעטישער הוצאה.

עס איז אפילו אמת, אז א גרויסער טייל פון די הויז־ארבייטען, וואס אונזע־רע פרויען מוזען אויספיהרען מיט גרוי־סער מיה אין אנשטרענגונג, ווערט דארט, אין מערב־אייראפא, אויסגעפיהרט דורך ווי־ערפינדונגען מעכאנישע אפאראטען, וועלכע פערלייכטערן זעהר פיל די אר־בייט אין דער ווירטשאפט. אלץ ווערט דארט געטוהן מיט דער הילף פון עלעק־טריק. פראסירען, ריינינגען, אויסטשי־סטען ס׳בעטגעוואנד און עהנליכע ארבייטען מען הערען דארט אויספיהרען מיט ספעציעלע מכשירים. די פרוי האט דע־ריבער צייט צו בעשעפטיגען זיך מיט איהר פאך. די קינדער ווערען אבגעגע־בען אין שפיל־זאלען, אינטערנאטען, פרעבעל־שולען, און דאס ביסעל מיטאג, וואס מ׳דארף עסקיפען פאר׳ן גאנצן בני־בית פערנעמט דארט אויך נישט קיין איבע־ריגע צייט, א 15—20 מינוט און פער־טיג.

ביי אונז ווערט זעהר פיל צייט גע־פער׳ט אויף גארנישט. ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואס מיר זינקען אין ארימקייט. די ארבייט, זאגט מען, מאכט רייך. אבער נאר דעמאלט, ווען עס איז דא דער חשק צו דער ארבייט, און דער חוב פון דער געזעלשאפט איז טאקע צו ערמעגליכען די ארבייט פאר די, וואס ווילען ארבייטען. קודם כל דארפען די עלטערן אויפקלארען זייערע טעכטער־אורטיילען און שטרעבען צום אמת׳ן גליק פון זייערע קינדער. און דאס גליק פון דער מעדערנער פרוי בעשטעהט קודם כל אין זעלבשטענדיגקייט. מיר מוזען צולערנען די פרוי צו אלע מעכען, אזוי גוט ווי דעם מאן. מיר דארפען זי ערציהען אלס א קוואליפיצירטע אר־בייטערין, כדי זי זאל נישט ווערען צו פיל אויסגענוצט ביי דער ארבייט. אין אויסלאנד פערנעמט שוין די פרוי אנ׳ ערט אלס קוואליפיצירטע ארבייטערין אין פערשידענע פאכען צוגלייך מיט׳ן מאן. מיר מוזען עס אויך איינפיהרען ביי אונז אין פוילען, און וואס פריהער אלס מעהר ברכה און גליק ווערט עס זיין, אי פאר די עלטערן, אי פאר די קינדער.

דער לאדזער תכשיט, וואס פאהרט ארום איבער דער וועלט זוכען שידוכים

(פון די ראבינאט־מעשהלעך)

(ג) דער מארגער רב האט זיך געווענ־דעט מיט א יודישע פראגע צום לאדזער ועד הרבנים געוואויר צו ווערען, צי דער יודישער יונגערמאן מיט׳ן נאמען דוד דעמבאלע, וועלכער הערומט זיך ארום און מארן און שמעלם זיך דארט און שידו־כים, זאגענדיג, אז ער איז א בחור — צי אט דער דוד׳ל דעמבאלע איז נישט משקר.

מחמת די מארגער יודישע מעכטער זענען שוין נזהר פאר די פל עולין צדרוכי פאהרענדע הנבערונקען. פאר וועלכע זיי האבען שוין געצאהלט שמאר רבי־געלד — וועלען זיי, די מארגער יודישע בתולות נישט מין אזא וואשנע זאך אהן רב׳ס הסכמה.

דער רב בעט דערום געוויסע ידיעות וועגען דעם דוד׳לען, וועלכער טענה׳ט, אז ער האט א ברודער אין לאדז, ביי וועלכען מ׳קען זיך נאכפרעגען, צי ער איז שוין בעווייבט, צי נישט.

און לאדזער ראבינאט האט מען, תיכף נאכ׳ן דערהאלטען דעם בריף פון מארן, זיך מתכון געווען ארויסצורופען דעם דוד׳לס ברודער, חנא דעמבאלע פון סקווע ראגאווא נאס.

מ׳האט אנגעשריבען א פאסט קארטעל נאך דעם חנא׳ן, כדי איהם צו פרעגען וועגען זיין ברודער דוד׳לס בחור׳שאפט. ס׳האט זיך אבער, אז אנגעוואשען דעם שרייבען און דערהאלטען דאס קארטעל, האט חנא זיך גע׳נט מיט זיין ווייב און ער האט זיך ארויסגעצויגען פון דער דירה אויף סקווערא נאס. איז דער בשר געקומען הנא׳ס גרושה.

ווען מ׳האט זי געבעטען פרעגען וועגען איהר נאמן, שוואגער דוד דעמבאלע, האט זי ערקלערט, אז דער דוד איז שוין אונגמאל א „בחור" : אז ער האט און כמאוויש׳ן, נעבען קאליש, א ווייב, און ער האט צוויי ילדים און אז ער וויל פון אלעמען נישט הערען און געדענקען. פארצייהרען זאגער איז ער אוועק פון ווייב והילד אינגו...

לאדז האט זיך תיכף קאמוניקירט מיט די רבנים פון סמאלוויש׳ן און קאליש. מען האט זיך איבערצייגט, אז דוד׳ל דעמבאלע׳ס געווענע שהענערן און געב־דער. אהרע ווערטער זענען נאלה, ווייל זי האט אפגערעטעוועט א יודיש מיידעל פון אזא בחור ווי דוד׳ל דעמבאלע.

אויף אזא אופן האט דער מארגער רב אפגערעטעוועט פון אומגליק א יודיש מיידעל.

צוליב דער דאזיגער געשעהעניש איז אין מארגער שוהל געשטעלט געווארען דער נאמען פון דוד דעמבאלע אין א שווארצע רעהמעל : „דוד בן רפאל הכהן דעמבאלע".

למען ידעו.

גרויסע צוקער־פאבריק אין לאדזער וואיעוואודזשטווא

איבערגעגאנגען אין די הענד פון א אויסלענדישען קאנסארציום

(:) ווי מיר דערוויסען זיך האט א סאך פראגע פון דיטשע און האלענדישע סא פיטאליסטען אפגעקויפט די צוקער־פאבריק פון נאכאלניציע און דער לאד־זער וואיעוואודזשטווא. דער דאזיגער קאנ־סארציום איז זיין בעוויז 20 פראצ. פון די אקציעס פון דער ווארשאווער גע־זעלשאפט פון די צוקער־פאבריקען, וואס פראדוצירען 20 פראצ. פון גאנצען פויל־שען צוקער. דער קאנסארציום האט אל־זא א גרויסע פינאנציעלע מאכט און פוי־לען. דער פיגוס וואס דער אויסלענדי־שער קאפיטאל האט ווידער אמאל אנ־געגריפען א גרויסע פוילישע פון לאנד עקזיסטירענדע אונטערנעהמונג, איז נישט זעהר גינסטיג פאר דער אנגרייכער קאנסומענט.

גנב׳ים אויפגעבראכען די וואוינונג פון דער ערמארדעטער אמיליא משישאק.

(§) ווי די לעזער געדענקען גוט, האט פאר א יאהרען געמאכט א גרויסען רושם און דער שטאט דער שרעקליכער מארד, וואס איז אויסגעפיהרט גע־ווארען אויף דער בעוואוינערין פון גע־שעפט פון מיניס־אונטערנעהמונגען אויף נאבוטאווסקא 46, אמיליא משישאק. דאס געשעפט און די וואוינונג פון דער ער־מארדעטער איז דאן פער׳חתמ׳עט גע־ווארען דורך דער פאליציי. ערשטענס מען ווייזגענט האבען גנבים אריינגעברא־כען די התימות און מיט נאכשליסלען שליסלען זיך אריינגעקריגען אין דער וואוינונג. וואס זיי האבען צוגענומען פיל שעפער זאכען. פאליציי זוכט די גנבים.

„סאוופאלטארג" וויל מאכען טעקסטיל־קניות אין לאדז.

(:) מקרוב זאלען קומען לאדז קומען די פארשטעהער פון רוסישען „סאוופאל־טארג", כדי דא צו מאכען גרעסערע קניות פון טעקסטיל - סחורות. אין דער רוסישער רעגירונג זיך דער „סאוו־פאלטארג" און קאלדרעם און אונזער ארבייטען פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. די טראנזאקציע איז לעת עתה בערעכענט אויף עטליכע צעהנדליגע טויזענד דאלאר.

יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון הויז־בעזיצער־פעראיין

הויז־בעזיצער שאפען א קאאפעראטיווע באנק

(—) דאנערשטאג איז און אינגע־לאקאל אויף פעטריקאווער 46 פארגעק־מען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמ־לונג פון צענטראלען הויז־בעזיצער פער־איין.

נאכדעם, ווי ס׳איז אנגענומען געווא־רען דער טעטיגקייטס־בעריכט פון 1927 און דער בודזשעט אויפ׳ן לויפיגען יאהר האבען געהאלטען רעפעראטען ווע־גען אפגעגעבענעם בעריכט דער דירעק־טאר פון דער לאדזער קרעדיט געזעל־שאפט אל. לעווינצקי און אינזש. ליבא־מאנגאווויטש.

דערויף איז מען צוגעטרעטען צו וואה־לען א נייע פערוואלטונג. פער־אקלאמא־ציע זענען ערוויהלט געווארען: ב. דאבראנויצקי, ע. גוטמער, מ. הער־כאו, וו. קאז, אינזש. לאבאמאנאוויטש, א. גוטמאן, מ. ראזענבלאט, מ. שעלעווי, ם. ווערדינגער. קאנדידאטען: ד. נוגזבערג, י. פיטשלאווויטש, א. כאפלאן, י. ליזינגראנס. און דער רעוויזיאנס־קאמיסיע: ם. מאלענבערג, א. מ. פרוסאק, ל. מאלא־מאנטשוק, א. י. סאקאמאנאוויטש, י. זווערשעווסקי.

צום סוף האט ד׳ העלמאן רעפערירט די פראגע וועגען שאפען א קאאפעראַ־טיווע באנק פאר די הויז־בעזיצער, וואס קען די לעצטע ברענגען גרויסען נוצען. גלייכצייטיג האט ער געמאלדען, אז בית 170 מענשען צוזאמען זיך אנגעשריבען לאדזער סוחרים און הויז־בעזיצער האט זען געמאלדען זייער אנטייל און ... קרעדיט - אינסטיטוציע.

עס איז בעשלאסען געווארען ווי אם־גיכסטען צו צושטעלען צו רעאליזירען דעם דאזיגען פלאן.

טעלעפאנישע פערבינדונג מיט ווארשא צוריקגעשטעלט.

(:) נעכטען פארמיטאג איז צוריק־געשטעלט געווארען די טעלעפאנישע קאמוניקאציע לאדז — ווארשא. עס איז צוריקגעשטעלט געווארען בלויז 1 לינייע. די איבעריגע זענען צוליב זעלבע צוזאמ־לען און פערטויגונג געשטערט.

וויזיטען פון עקזאטישע הערשער אין אמאליגע צייטען.

מערקווירדיגע פאקטען, קוריאזען און אנעקדאטען פון אמאליגען קייזערליכען הויף אין ווין.

און די לעצטע וואכען איז די גאנצע וועלט פרעסע און בעזונדערס די אילוס־טרירטע צייטונגען, געווען פול מיט בעל־דער פון אפגאניסטאנישען קעניג אמא־נולא און זיין שעהנער פרוי, וועלכע מא־כען איצט א רייזע איבער די אייראפע־אישע הויפט שטעט. היינטיגע וואך דארף אויך דאס עקזאטישע קעניגליכע פאר קומען קיין ווארשא, וואו ס׳ווערען שוין געמאכט פייערהאפטע הכנות צום קא־נאדלישען קבלת פנים.

נישט וועלענדיג דערמאנט מען זיך אין די צייטען, ווען אזעלכע קעניגליכע ווי־זיטען זענען נישט געווען אזא זעלטענע זאך, ווי היינט אין די פערשידענע קאר־ראנען בעת די חאוויגע ווייזונען.

ווען דער קייזער פראנץ יאזעף האט נאך געלעבט, האט מען אזא קבלת פנים געמאכט גאנץ עהנליך. ס׳איז כמעט גוט א יאהר, ווען ווען איז נישט בעזוכט געווארען פון עפעס א מאנארך צו אנ׳עקזאטישען מושל. געלעגענהייטען אויף אזעלכע בעזוכען זענען געווען גע־נוג. דא א חתונה אויפ׳ן קייזערליכען הויף, דא א יובילעאום א.ד.גל.

לויט דער וואלטגעבייט פון גאסט האט מען בעשטימט פאר איהם א קארעטע. פאר א הערשער פון א גרויסער מלוכה איז געווען צוגעגרייט א ספעציעלע קא־רעטע און א 4 פערדענען שפאן. פאר אנ־דערע, קלענערע מאכטהאבער איז געווען צוגעגרייט א געוועהנליכע הויף קארעטע מיט געלדענע רעדער.

די גאסען, דורך וועלכע ס׳זענען גע־פאהרען די איינצעהליגע קארעטעס זענען געווען פון בעזונדערע זייטען בעשטעלט מיט מיליטער און פאליציי. דאס האט מען געטוהן נישט בלויז אויס כבוד צום גאסט, נאר גלייך צו פערהיטען פון אנ׳אטענ־טאט. בעזונדערס איז די מורא פאר אנ׳ אטענטאט געווען גרויס, ווען ס׳איז גע־ווען אין ווין דער רוסישער צאר. די צוויי וואלטעגע בעזוכען אין די לעצטע יאהרען פון פראנץ יאזעף׳ס ממשלה זע־נען בלי ספק געווען די ווינזיגען פון גו־באלן דעם צווייטען און פון דעם ענגלי־שען קעניג עדוארד דעם VII.

ס׳האט נישט איינמאל פאסירט, אז א הויכער גאסט האט מען געמעקט מיט א פיל קלענערע פאראד ווי ס׳האט איהם מקבל פנים געווען. אזא פאל האט פא־סירט מיט׳ן קעניג פון די סאנדוויטש־אינזלען, קאלאקאוא. דער דאזיגער מלך, וועלכער האט בעקומען צו זיין דיספאזי־ציע די שענסטע אפארטאמענטען אין האטעל „אימפעריאל", איז זיך געגאנגען מיט ארויסמאכען אין דער קייזערלי־כער קארעטע איבער דער שטאט וויען. אינמאל, בעת ער איז געווען אויפ׳ן פראטער (פערגוויגונגס ארט אין וויען), האט ער דערזעהען פון א קאפעלע הויז וואל צער מוזיק. נישט לאנג געטראכט האט דער מאגארך געהייסען אפשטעלען די קארעטע. דער שטאלמייסטער קייזערליכער קוטשער האט אויסגעלאזט א פאר פער׳חידוש׳טע אויגען, אבער אז דער קעניג הייסט, איז דאך פערפאלען. האט ער געפאלגט און זיך אפגעשטעלט.

די קייזערליכע קארעטע איז געבליבען שטעהען פאר דער טיר פון צווייטראנגי־גען לאקאל און דער קעניג איז ארויין אינעווייניג. א הויכער גאסט האט דער קעי־גיג געמאכט מיט וויענער קעלנערס און בעגעגנט אין גאנץ געשמאק געשווינט. ווען ער איז מיד געווארען, האט ער אוים־געטאן דעם ראק און וויימער געטאנצט און בלויזען איבערשר העמד...

צוזאמענגעזען האט גאנץ ווייען געקאכט מיט דער מעשה און דער קעניג פראנץ יאזעף איז געווען דערפון שטארק אויפ־געבראכט. ער האט תיכף פעראורדענט צוצונעמען די עהרען־וואך פון האטעל „אימפעריאל" און ס׳האט געמעגען דעם קעניג אנ׳אצוציעהערנוש, אז מ׳וויל נישט זיך נישט מעהר איהם צו זעהען אין ווינע. צומארגענס איז דער קעניג בתוך פתיחו אפגעפאהרען...

דער פערסישער שאך, נאש על דין, וועלכער איז געווען צוגאסט ביים קייזער פראנץ יאזעף האט נישט געוואלט צו־מין גאין אחין קיין העגדשקעס. דאס האט פערשאפט פיל פערדרוס דעם עסט־רייכישען קייזער. דער דאזיגער שאך האט בענוצט על פי מעות די מינערע פראכטפולע פאראהענגען פון זיין סאלאן צו־שמאט א משאשען מנוחען. ער האט אויך געהאט די מבע צו עסען אויף דער פאר־לאגע, צו וואס מ׳האט אין וויענער הויף נישט געווען לויט ליבען זיך געהאט צוגעוועהנט.

דער זעלבער מראהנקאלעגער פון שאך האט אויך אפגעשטאט א ווייט ביים קייזער פראנץ יאזעף. בעת א שפאצי־רונג, האט דער קרוינפרינץ געוואלט זיך ארויסלאזען און א געווים הויז... האט ער אבער נישט געמארט מאכען דעם ווייט אהן דער בעגלייטונג פון זיין לייב־דאק־טאר. מ׳האט איהם געפרעגט אין הויז פון דירעקטאר. נאך א האלב׳ער שעה ווי־לען זיך, איז וואס דער לייב דאקטאר האט איהם געהאלפען, איז דער פרינץ, פאר׳ן ארויסגעהן פון קאבינעט, צוגעגאנ־גען צום דירעקטאר, איהם געקלאפט גאנץ ברודערליך אויף דער פלייצע, זאגענדיג אויף פראנצויזיש: א דאנק אייך, הער, דעם ארדען וועט איהר זיכער בעקומען.

וואר ס׳האט געקומען דעם קייזער פראנץ יאזעף, איז וועטענע הויף מ׳האט שטרענג אפגעהיטען דעם שפאנישען צע־רעמאניאל, דער וועט פערשטעהן, אז דער מאגארך איז נישט געווען ענטציקט פון אזעלכע ווייטען. דערמיט איז אויך פערשטענדליך, פארוואס דער קייזער, וועלכער האט שטרענג אפגעהיטען אלע כללים פון דער עטיקעטע, איז געווארען שטארק אויפגעבראכט, ווען דער פרע־זידענט היזוועלט, וועלכער האט איהם בעזוכט אין יאהר 1910, איז בעת אנ׳ אודיענץ ביים קייזער איהם ענטפער געוואנגען מיט אנ׳אויסגעשטרעקטער האנד. אזא „שרעקליכער" פאל, מען זאל איהם דערלאנגען די האנד, ווי א פשוט׳ן בשר ודם, האט דעם קייזער נאך קיינמאל נישט פאסירט.

פאבאר פון יאהרגאנג 1907

ווען דארפען זיך צושטעלען די, וואס האבען בעקומען „אדראטשעניעס איז 1905, 1906?

(פארטזעצונג פון פריטאג)

צו דער פאבאר-קאמיסיע נ' 2 (אגראדאווא 34)

דארפען זיך שטעלען אלע מענער, געבוירענע אין יאהר 1907, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון

10. פאליציי-קאמיסאריאט

און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט די אותיות:

דעם 21. מאי — E, D, C, B, A, G, F,
דעם 22. מאי — L K J I Ch H
דעם 23. מאי — R P O N M Ł ביז Su
דעם 24. מאי — פון W U T Su Ż Z

דעם 25 מאי דארפען זיך שטעלען די גערופענע פון יאהרגאנג 1907, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 13-טען פאליציי-קאמיסאריאט אויף די אותיות: B A Gel G F E D C
דעם 26 מאי — K J I Ch H Gel ביז Ko
דעם 29. מאי — פון K M Ł L Ko ביז Me
דעם 30. מאי — פון M P O N Me ביז Pr
דעם 31. מאי — פון P S R Pr ביז Sza
דעם 1 יוני פון Ż Z W U T Sza

דעם 2-טען יוני דארפען זיך שטעלען די וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 14-טען פאליציי-קאמיסאריאט אויף די אותיות: F E D C B A
דעם 4 יוני — K J I Ch H G ביז Kli
דעם 5 יוני — פון M L Ł Kli ביז Mat
דעם 6 יוני — פון P O N Mat ביז R Ry
דעם 8 יוני — פון T S Ry ביז Tin
דעם 9 יוני — פון Ż Z W U Tin

צו דער פאבאר-קאמיסיע נ' 3 (זאקאנטנא 82)

דארף זיך צושטעלען דער יאהרגאנג 1907 פון 9. פאליציי-קאמיסאריאט

דעם 23 מאי — F E, D, C, B, A
דעם 24 מאי — K, J, I, Ch H, G,
דעם 25 מאי — P O N, M, Ł, L,
דעם 26 מאי — U, T, S, R,
דעם 29 מאי — Ż Z, W

פון 11. פאליציי-קאמיסאריאט:

דעם 30 מאי — F, E, D, C B, A,
דעם 31 מאי — J, I, Ch, H, G, ביז Kom. K
דעם 1. יוני — M Ł L Kom ביז Mat
דעם 2. יוני — P. O, N, Mar ביז R Rog
דעם 4. יוני — U T S Rog
דעם 5. יוני — Ż Z, W.

דעם 6. יוני דארפען זיך צושטעלען די פרייוויליגע פון 1908, 1909, 1910.

דעם 9 יוני — יאהרגאנג 1907 פון 9 און 11 קאמיסאריאט, וואס האבען זיך צוליב קראנקהייט זיך נישט צוגעשטעלט צום טערמין.

פון 6 קאמיסאריאט

שטעלען זיך צו אלע אותיות ד. 11 יוני.

פון 7. פאליציי-קאמיסאריאט:

דעם 12. יוני — Czy ביז C, B, A
דעם 13. יוני — G, F, E, D, Czy ביז Gle
דעם 14 יוני — Ch H Gle
דעם 15 יוני — Kot ביז K J I
דעם 16 יוני — Lib ביז L Kot
דעם 18 יוני — ביז N M Ł Lib Neu
דעם 19. יוני — ביז R P O Neu Ret
דעם 20. יוני — Szcz S Ret
דעם 21. יוני — W, U, T, Szcz ביז Won
דעם 22. יוני — Ż, Z, Won

פון 12. פאליציי-קאמיסאריאט

דעם 23. יוני — J ביז A
דעם 25. יוני — פון Peł P ביז K
דעם 26 יוני — Ż ביז Peł

דעם 27, 28, 30 יוני דארפען פאר דערזעלביגער קאמיסיע זיך מעלדען אלע פון די יאהרגענג 1883 און 1904, וואס האבען ביז אהער נאך נישט רעגולירט זייערע מיליטער-אנגעלעגענהייטען און אויך די רעשט פון 1907, וואס האבען זיך צוליב וויכטיגע טעמים נישט געמעלדעט צום טערמין צו דער פאבאר-קאמיסיע.

אדראטשעניעס 1905, 1906.

פאר דער קאמיסיע גומ' 3 (זאקאנטנא 82) דארפען זיך דעם 8 יוני צושטעלען אלע מאנספילען פון 1905, 1906, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 קאמיסאריאט, וועלכע האבען פון די פאבאר-קאמיסיעס אין די פעריגע יאהרען בעקומען אדראטשעניעס אויפ'ן יסוד פון ארטיקעל 35 פון מיליטער-געזעץ.

פאר דער קאמיסיע נ' 2 (אגראדאווא 40) דארפען זיך צושטעלען די פון 1906, וועלכע האבען בעקומען אדראטשעניעס און וואוינען אין 1. קאמיסאריאט און זייערע פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן:

דעם 11 יוני — פון A ביז Ł אינקלוסיוו;
דעם 12. יוני — S R P O N M Ż Z W U T

דעם 13. יוני דארפען זיך שטעלען די מיט אדראטשעניעס פון 1906, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 4-טען קאמיסאריאט — פון A ביז Ł,
דעם 14 יוני — פון M ביז Ż

דעם 15 יוני דארפען זיך שטעלען מיט אדראטשעניעס פון יאהרגאנג 1906, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 6-טען און 12-טען פאליציי-קאמיסאריאט פון A ביז Z.

דעם 16 יוני (יאהרגאנג 1906) די, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 7-טען פאליציי-קאמיסאריאט פון A ביז F
דעם 18 יוני — פון G ביז N
דעם 19 יוני — פון O ביז Ż

דעם 20 יוני (יאהרגאנג 1906) די, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 10-טען פאליציי-קאמיסאריאט — פון A ביז P
דעם 21 יוני — פון R ביז Ż

אויך די, וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 13-טען קאמיסאריאט אויף די אותיות פון A ביז I

פאר דער קאמיסיע נומער 9 דארף זיך דעם 26 יוני צושטעלען דער יאהרגאנג 1905, וואס האט בעקומען אדראטשעניעס און וואוינט אין 1, 4, 6, 7 קאמיסאריאט; דעם 27 יוני פון 10, 12, 13, 14 קאמיסאריאט.

דעם 30 יוני דארפען זיך צושטעלען די יאהרגענג 1905 און 1906, וואס האבען זיך נישט געשטעלט צו דער פאבאר-קאמיסיע אין פעריגע שרייבענעם טערמין.

ווער איז דער קעניג אמאנולאה

(ענדע פון זייט 3).

מעלויכטונג, אויטאמאבילען: ער האט אויך געגרינדעט פאבריקען, וואו אויסצוארבייטען פערשידענע מאטעריאלען. ער האט אויפגעבויט א גאנץ שטאט: ער האט דורכגעפיהרט א שול-סיסטעם און איצט פלאנט ער שוין אפילו צו גרינדען דארט אנ'אייגענע אוניווערזיטעט, פאר וועלכער ער האט אמאנולאה פראפעסארען פון פראנקרייך.

קיין גרויסע ארבעט דארף אפגאניסטאן נישט האלטען, ווייל קיין מצבא קען דאס לאנד נישט איינעהמען, מחמת דאס גאנצע לאנד איז ארומגערינגעלט מיט די הימאלאיאן-בערג און קיינער קען דארט נישט צוקומען.

ענגלאנד און רוסלאנד האבען שטענדיג געהאט א חשק צו יענער מדינה. אבער פון איינעהמען דאס לאנד מיט געוואלד איז געווען איבעריג צו טראכטען, האבען זיי געפרובט צו נעהמען מיט אומוועגען, אבער דאס איז זיי נישט געלונגען.

איצט פאהרט דער קעניג און די קעניגין פרום איבער איראפא. איצט פאהרען זיי קיין רוסלאנד. זיי ווילען לערנען פון אלעס.

אינטערעסאנט איז דערביי צו דערצעהלען נאך א פאקט:

מיט דעם קעניג אמאנולא פאהרט מיט א גאנצע הויף-סוויטע. צווישען זיי זיינען הויף-דאמען. איינע פון די דאמען, סויאיא, א זעלטענע א נ ס אנטע, האט שואר ק ושא:ח: גענומען ביים יונגען איטאליענישען דיפלאמאט דושאקיני. דאס הייסט פשוט, אז ער האט זיך פערליבט אין איהר.

בקיצור, ער האט זיך איהר ערקלערט אין ליבע און זי האט זיין ליבע אנגענומען און איידער די קעניגליכע סוויטע האט פערלאזען רוים, האבען זיי שנעל חתונה געהאט. איצט פאהרט דער איטאליענער מיט מיט דעם אפגאניסטאנישען קעניג און אמאנולא איז צופרידען, וואס ער וועט האבען אנ'איראפעאישען דיפלאמאט ביי זיך אין לאנד, ווייל יענער נעהמט זיך טאקי בעזעצען אין אפגאניסטאן.

די אפגאניסטאנער גלויבען אויף זיך, אז זיי זענען דאס די פערלוירענע עשרת השבטים און דער קעניג האט ליב אויף זיך צו זאגען, אז ער איז א יוד.

מינים.

קהלה-זיצונג אבגעלעגט.

(ג) פריטאג האט אין שטאט זיך געפילט א דוחק אין ברויט. צוליב דעם האט דער פרייז פאר 2 קילא ברויט דערגרייכט ביז 1.60 זל.

אויך נעכטען, שבת, האט ביי די פרימאליגע בעקערס אויסגעפעלט ברויט.

דוחק אין אין ברויט.

(ג) היינט, זונטאג, וועט קיין זיצונג פון דער קהלה - פערוואלטונג נישט פארקומען, מחמת דער בודזשעט פון דער פרעזידענט איז נאך נישט פארטיג.

א שרפה אין „ווארצאנט“.

(א) און די מיליאנשעם פון דער פאבריק „ווארצאנט“ אויף מאנטאג 6 האט זיך פון א אומבעוואוסטער סבה אנגעצונדען א וואגאן פון א קעלער. די פייערלעשער האבען די שרפה אויסגעלאשען.

א גרויסען ספארט-סטאדיאן בויט אויס דער מאגיסטראט.

(א) נאכ'ן פערלענגערונג די פלאנאציע-ארבעטען פלאנט דער מאגיסטראט צו אויסצובויען א גרויסען ספארט-פארק און קאמאנאבינער וואלד. אין פארק וועלען זיין געבויט א גימנאסטיק-האלל, א פליאן פארשטאטיקה, א שאסען פאר פערד-רענען, טעניס-פלאץ, שווימבאסיין א. א. דער הויפט-גרויסער סמא בולאן וועל פערטיג ווערען נאך דריי יאהר.

קאמוניקאציע-פערלייכטערונגען פאר די איינוואוינער פון די פארשטעט.

רעזולטאט פון דער נעכטיגער קאנפערענץ אין מאגיסטראט

(ג) ווי מיר האבען שוין געמעלדעט, איז נעכטען צווישען מאגיסטראט און דער געזעלשאפט פון די שטאטישע און צופאהר-טראמווייען דערטערווייל געהאלטען א בעראטונג, וואו מען האט בעשלאסען א ביליגע טראמוויי-קאמוניקאציע פאר די איינוואוינער פון די פארשטעט.

גענומען איז אין מאגיסטראט אנטייל: מעד'ן מארינין פון וויצע-פרעזידענט ראי-פולסקי, פארשטייער א צווייטע קאנפעש, רעגינ מיט'ן מעד'ן מאגיסטראט פון אינזש. בזשאזאווסקי, זאהוו. גזעלא זאוואקי, מצד דער טראמוויי-געזעלשאפט דיר. וואגנער און וויצע-דיר. אינזש. רינג.

און רעזולטאט איז הערגרייכט געווארען א הסכם, לויט וועלכען די פאסאזשירען פון די צופאהר-טראמווייען וועלען צאהלען פאר א בילעט פון די עקען שטאט ביז צו דער שטאטישער טראמוויי-סטאנציע 10 גר. אויף די שטאטישע טראמווייען מוז'ן רעכט זיך איבערצאהלען 20 גר. ביז 9 פריה — 15 גר.

ערכיגע וועלען די צופאהר-טראמווייען פון די עקען שטאט ביז צו דער שטאטישער טראמוויי-סטאנציע קורסירען אויף דער זגערזשער ליניע יעדע 7 מינוט, אויף די אנדערע ליניעס — יעדע 10 מינוט.

לויט דער האזוגער פערשטענדיגונג, וואס דארף נאך אקצעפטירט ווערען דורך דער דירעקציע פון די צופאהר-טראמווייען, איז הערגרייכט געווארען א גרויסע פערלייכטערונג פון די איינוואוינער פון די עקען שטאט. זאגאר, למשל, וועט איינוואוינער אויב א פאסאזשיר זעצט זיך אויף אויפ'ן טראמוויי ביי דער קאלישער באהן און האט פרעד צו פאהרען קיין ראדאגאשטש, צאהלט ער פאר א בילעט 30 גר. מיט דעם זעלבען בילעט קען ער פאהרען אין שטאט אריין, זיך איבערזעצען אויף א טראמוואי, וואס גייט אויף זגערזשער גאס און דאן אויף דעם צופאהר-טראמוואי.

צי די דירעקציע פון די צופאהר-טראמווייען וועט דערצו מסכים זיין איז גאר א ספק, מחמת דאס איז אפהענגיג פון'ם אפען ווי עס וועט ערלעדיגט ווערען דער סטטוס צווישען מאגיסטראט און די צופאהר-טראמווייען, דער מאגיסטראט וויל אין צוזאמען מיט די צופאהר-טראמווייען זיך איבערלאזען האט רעכט צו מאכען אפקויפען דעם שטח פון דער ליניע, וואס געפינט זיך אין די גרעניצען פון דער שטאט. אויב עס וועט נישט קומען צו קיין הסכם וועט דער מאגיסטראט זיך ווענדען צים קאמוניקאציע-מיניסטעריום.

„ארמז"

ארטיסטישער ראטי אין טאבאר-טעאטער
אונטער דער לייטונג מ. בראדערזאן

היינט זונטאג 2 פארשטעלונגען אנהויב 8 און 10 אוונט

שנים עשר מי יודע?

1) פרולאג	5) זיינגרל,	9) נאך דער חופה,
2) ספעקט,	6) מלוה מלכה,	10) חסידישער טאנץ,
3) קאנשאניסטען,	7) סאלאם אליכום,	11) מאבילזאציע,
4) לופט פליהער,	8) האנדעל	12) בעקערלעך.

דינ' טאג, דעם 1-טען א גרויסע 250 יוביליי-פארשטעלונג
אינצענירט אין די הויפטרדיגע אנצוגען און אין די אפישען.
די קאסע איז אפען טעגליך פון 6 אוונט, שבת פון 1.30 נאכמ.

איבערגעפאהרען פון אויטא און געבליבען אונבעשעדיגט.

(ג) נעכטען האט אויף פאלשטאט פאסירט א אויטאמאבילשער פאל. א אויטא וואס איז געלאפען מיט א שרעקליכער גיכקייט, האט איבערגעפאהרען א קינד. עס איז געשטאנען א גרויסער טימעל צווישען די הונדערטער דורכגייער, אבער ווי גרויס איז געווען די פרייד ווען דער קינד איז ארויסגעשלעפט געווארען אונבעשעדיגט. דער אויטא האט זיך אבגעשטעלט. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער קינד איז צוגעפאלען גלייך צווישען די רעדער.

גרויסע קניות פון לאדזשער סחורות

האט געמאכט די ענגליש-רומענישע פירמע בריטאנא ראמאנא

(:) פריטאג זענען קיין לאדז געקומען די אונטערנעהמער פון די ענגליש-רומענישע פירמע אין לאנדאן „בריטאנא ראמאנא“ מיט'ן דירעקטאר און וואס האט א אפטיילונג אין בוקארעשט רומעניע, די ה"ה י. ה. און ג. ב. וואציאנו.

אין משך פון פרייטאג און שבת האבען די ה"ה וואציאנו געמאכט גרויסע קניות אין די גרעסטע לאדזשער טעקסטיל פאבריקען.

די פירמע בריטאנא ראמאנא שליסט הויפטזעכליך אויף די טעקסטיל-אינדוסטריען. די הויפטזעכליכע קניות פון די פירמע זענען ביז איצט געמאכט געווארען פאר לאדז א וויכטיגע בע... אין דייטשלאנד, בעזונדערס, וואו מען... אויך דעם שטאלישאר און האנדעל דער לעצטער צייט.

* * *

ווי מיר דערוויסען זיך, האבען אין משך פון פריטאג און שבת אויך אנדערע פירמעס בעקומען באשטעלונגען, ביז דער רוסישער... גרויסע קניות, און ... אין לאדזשער האנדעל.

אין שטורם פון ליידענשאפטען.

שפאנענדער ראמאן, פול שטוינענדע איבערלעבונגען און ליבעס-אוואנטורעס.

(11-טע פארטזעצונג)

מיט א ווילדער שנעלקייט האט ער אלץ געווארפען אין וואסער, ער האט בלויז איבערגעלאזט דעם רעוואלווער, וואס ער האט קאנוואולסיוו געדריקט אין דער האנד.

— און זאל עס געשעהן! — האט ער געענדיגט מיט א פערשטיקט קול — יעצט האב איך אמהענגיגקייט די מאכט צו מאכען א סוף פון מיין לעבען!

ער האט אויפגעהויבען דעם רעוואלווער און די לופט צוגעשטעלט צום שטערן.

— נאך איין סעקונדע און עס וועט זיין נאך אלץ!

ער האט שוין געהאלט א ציה טון מיט'ן צינגעל, ווי ער האט זיך פלוצלונג איבערגעשטעלט.

די האנד, וואס האט געהאלטען דעם רעוואלווער, איז אראפגעפאלען.

עפעס א געדאנק איז איהם געקומען אין קאפ אריין און איהם פערשטאפט דעם אטעם. ער האט אויפגעהויבען דעם קאפ.

ער האט זיך שנעל דערהויבען אין דער פינסטערער נאכט מיט א שרעקליכען פלאן אין קאפ.

7-טער קאפיטעל.

דער געהיימניספולער מארד.

צופעריגענס אין דער פריה האבען זיך אין שפייז-צימער פון דער פאמיליע טקאט, וואס איז געווען איינגעארדענט מיט גרויס קאמפארט און לוקסוס, געפינען זאריא, הערמאן און די נייע פריינדין מאריא'ס, וואנדא גארדהיים.

מאריא האט וואנדא'ן פערבעטען צום טיש.

הערמאן, כדי נישט ארויסצווייזען זיין אויפרעגונג, האט גענומען לעזען א צייטונג אין דער האנד, נישט אנריהרענדיג גארנישט פון עסען.

— צי האט איהר גוט בעזארגט אייער קינד, פרוי גארדהיים? — האט דאס שווייגען איבערגעריסען מאריא.

— איך מיין, אז יא; איך וועל אבער אזוי אויך נישט האבען קיין רוה — האט וואנדא שטיל געענטפערט.

— איהר ליבט אייער קינד, דאס איז אייער לעצטע טרייסט פון לעבען. איך פערשטעה דאס — האט מאריא ווייטער גערעדט — יא, וואס איהר האט געמוזט לייד'ן! קיינער האט אייך געוויס נישט פערשאפען קיין גרעסערע לייד'ן, ווי אייער מאן — שטעל דיר פאר דזשאן — האט מאריא זיך געווענדעט צו איהר מאן — אונזער פריינדין איז א פערלאזענע פרוי און פערמאגט א קינד. אזוי האט געקענט הענדלען מיט איהר א מענש אהן ווירדע און אהן געוויסען. אך, דו, דזשאן, פערשטעהסט דאס נישט מיט דיין איידעל און ריין הארץ.

הערמאן איז נישט דרייסט געווען צו ווארפען א בליק אויף וואנדא'ן, ער האט אויסגעזעהן צעשטערט און צומ'שט, בעהאלטענדיג זיין אינערליכע אויפרעגונג. ניט קוקענדיג דערויף האבען זיינע שטאפע בעוועגונגען און זיין פנים דערצעהלט, אז אין איהם גאהט פאר עפעס שרעקליכעס.

— וואס וואלט איהר געטון פרוי גארדהיים, ווען איהר וואלט געפינען אייער מאן? — האט מאריא געפרעגט.

— אך! האב שוין געפינען, פרוי סקאט!

— וואס? איהר ווייסט, וואו ער געפינט זיך?

— ער האט א צווייט מאל חתונה-געהאט!

— ער האט געהייראט! און ער ווייס, אז איהר האט איהם געזעהן? און אויף די צווייטע פרוי וועט ער מאכען אזוי אומגליקליך, דער דאזיגער לומפ! דאס איז אַן'אמת ער פערברעכער!

— יא, אזוי איז עס!

— און איהר האט איהם נישט געהאט נאך ליב? — האט מאריא געפרעגט מיט פערוואונדערונג.

דא האט וואנדא געשוויגען.

אין דער זעלבער סעקונדע האט זיך דערהערט אנ'אלארם אויף דער גאס. דאס געשפרעך האט צוליב דעם איבערגעהערט. דאס איז געווען א גליק פאר וואנדא'ן, וועלכע האט געדארפט ענטפערן.

— וואס איז געשעהן? — האט מאריא געפרעגט — דו הערסט, דזשאן?

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

מען האט געהערט, ווי די צייטונגס-יונגלעך שרייען:

„עקסטרא טעלעגראמען! א מארד אויף מעדיסאן-סקווער. 5 סענט“.

— מאריא האט זיך א בעהעג-געטאן.

— אויף מעדיסאן-סקווער! — האט זי אויסגערופען — מיין פעטער'ס הויז געפינט זיך דארט!

הערמאן האט געקוקט צו דער ערד, אזוי אז מען האט זיין פנים נישט געקענט זעהן.

פלוצלינג האט מען געקלאפט אין דער טיר און עס האט זיך בעוויזען א דינערין, וועלכע האט געהאלטען אין דער האנד אנ'עקסטרא טעלעגראמע, נישט קענענדיג ארויסרעדען א ווארט.

— וואס איז געשעהן? — האט א געשריי-געטאן מאריא מיט א פערהאקטען אטעם. האבענדיג א שרעקליך פערגעפיהל וואס איז די עקסטרא טעלעגראמע? וואס שרייבען זיי? — האט זי אויסגערופען און א ריס-געטאן די טעלעגראמע פון דער דינערינ'ס האנד.

זי האט קוים בעוויזען אדורכצולעזען די ערשטע שורות פון דער אויסגאבע, ווי זי האט ארויסגעלאזט א שרעקליך געשריי און איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד, ארויסלאזענדיג פון דער האנד די אויסגאבע.

וואנדא האט מיט דער דינערין אויפגעהויבען מאריא'ן און זי צוזאמען געלעגט אויף דער סאפע.

וואנדא האט ניט געקענט פערשטעהן, וואס מאריא'ן האט אזוי געטראפען, דאס בייזע טוקען מארד. די סצענע, וואס האט זיך אפגעשפילט פאר איהרע אויגען האט זי אנגעפילט מיט שרעק.

בלויז איין הערמאן האט זיך פערהאלטען גאנץ רוהיג. ער האט זיך אפגעקערט פון פענסטער און איז צוגעגאנגען צו מאריא'ן, וואס א דינערין האט איהר געגעבען דעם שטערן מיט קאלט וואסער.

וואנדא האט זיך אראפגעבויגען און אויפגעהויבען פון דער פאדלאגע די עקסטרא אויסגאבע, וואס מאריא האט אראפגעלאזט אויף דער ערד, און גענומען לייענען:

„געהיימניספולער מארד“.

היינט אין דער פריה איז אין הויז נומער 101 אויף דער מעדיסאן-סקווער איז דער מיליאנער און שיף-בעזיצער מיסטער סמיט געפינען געהרגעט אין זיין שלאף-צימער א טויטער מיט א בלוטיגער וואונד אין דער ברוסט. דער מארד האט געמוזט אויסגעפיהרט ווערען אין דער פערגאנגענער נאכט. קיין צייכענס פון רויב זענען נישט געפינען געווארען. די קאסע און די טייערע ציהרונג, וואס האבען זיך געפינען אין דער וואוינונג, זענען נישט בעריהרט געווארען. דער געלדענער זייגער, די דעמיוזקע און דער פארטמאנע זענען געבליבען ביים ערשטען ארט. צי דאס איז געווען א נקמה-אקט און צי דער מערדער האט געמוזט אנטלויפען און דערפאר נישט בערויבט דעם קרבן — וועט בעווייזען די אויספארשונג. דער מערדער האט קיין שום סימנים נאך זיך נישט איבערגעלאזט.

(פארטזעצונג קומט)

מעבעל — דעם גרעסטען מעבעל
און עלעגאַנטעסטען אויסוואַהל פון
שלאַף-צימער, עס-צימער, קינדער-צימער א. או. וו.
קאָמפּלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק מעבעל
אמביליגסטען און אויף די בעסטע בעדינגונגען

עמפּפעהלט די גרעסטע און רייכסטע מעבעל-פירמע אין לאָדז
MARKOWICZ i NASIELSKI
פאַבריק: PIOTRKOWSKA 6 :-: Południowa 10

SKINOL
נעמט ארויס פלעקען
פון
קאַלירטע שיך
און גיט א בלענדענדען גלאַנץ
צו בעקומען אין שיך-געשעפטען און אפטייק-סקלאַדען
פאַבריקס-לאַגער:
Leon Wloch
וואַרשא, זיעלנא 52

Magistrat m. Łodzi

niniejszem wzywa wszystkie osoby, posiadające

plany hipoteczne,

do składania ich do dnia 15 maja 1928 roku w Wydziale Budownictwa Magistratu pokój No. 41 za pokwitowaniem celem uwzględnienia w miarę możności interesów tych osób przy opracowaniu projektu regulacji m. Łodzi. Plany te zostaną zwrócone za pokwitowaniem do dnia 15 czerwca 1928 roku, a na żądanie w poszczególnych wypadkach mogą być wydane niezwłocznie.

לאַמפּען
פיר שפּייז-צימער סאַלאָן-קאַבינעט
שלאָף-צימער
קויפט זיך בעסטען און פאַבריקס-לאַגער בײַ
Sz. P. Szmalewicz
פּאָלודניאָווא 8, טעל. 64-39.
ווערען אננעמען רעפּעראַטורען, אומאַרבייטונגען, אקסידיען.

רעפאָרמאַציע פּילען
מיט דער מאַרקע „נאָטסטליכער" בעקאַנט פון יאהר 102
רעגולירען דעם מאַגען, שיצען פון רעומאַטיזם, ליבער-ליידען, גאָלדענע אַדערן, אקסטרעמיטעטען, ליבער... פון די יסורים פון הערמעראָאידען, רייניגען דאָס בלוט און ביינווייטיגען צו עבסטרוקציע—רייניגענס דורכרייניגונגס-מיטעל.
צוגעבראַוכען 1 אָדער 2 פּילען א נאַכט.
פּרייזען א שאַכטעל 1.85, אויסאַרבייטונג פון דער אפּטייק
Karczewski, Tuszyński, Warszawa
Trębacka 4
צובעקומען אין די אפּטייקען און סקלאַדען מיט'ן „גייסטליכען" (zakonnik)

וויכטיג פאַר פּעראַליגע!
א בעקאַנט אמעריקאנער טיוראַ-לעקאַל (מיט שרייב-מאַשינע) אין צענטרום פון דער שטאָט אָבצוגעבען צו פּראַגאַמבע-צוועקען אויף די אַבענד-שעה'ן (פון 7 א זייגער אָבענד, זונטאָג—א גאַנצען טאָג).
צו ערפאַהרען אין ביורא „ארגוס", זאַכאָדניא 36.

צו שערען
אויף צעטטעל- ווי אויך מאַנום-שערמאַשינען און
צו שליכטען
מאַמגאַרו
און בוימוואָלענמעטעו
ביז 2.20 מעטער ברייט נעמט אָן
F-ma Władysław Zylbersztajn
נאַרוטאָוויטשא 83, טעל. 26-96.

השבת אבידה
פערלוירען געוואָרען א וועקסעל אויף 50 זל. צאָהלבאַר 4 מאַי אין קרולעווסקא וואָס לעצטע זשירע לאַזען. דער וועקסעל ווערט ערקלערט פאַר אונגילטיג. אָבצוגעבען י. מ. סקאָפּיצקי 28 וואָלף (לואיזא) 11.

טליתים-פאַבריק
אויסאַרבייטונג פון האַלבע, האַלב-האַלבענע און ווידע-נע טליתים כמו טערקישע, ישראַעלאָטער און קאַ-ליבער, ווי אויך טליתים-קטנים הויט און דע-טאַל, מיט אויספאַרטיגונג, אויך גארטלען, שטענדיגע און ציצית צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל ביי
א. ב. ציטרינאָווסקי
קאַמיענגא 1, אין 2. שטאָק, פּאַרטער.
נ.ב.: ס'ווערען אויך אנגענומען אַלטע טליתים צו וואַשען.

אקוואַליס. ארבייטער
אויף „קאַראַנא"
זוכט א פּאָסטען.
אָפערטען אונטער „T". אָבצוגעבען אין דער צייטונג.

קויפט מעבעל נישט קיין מייבעל

מעבעל
מעבעל - געשעפט
44 גדאַנסקא (דלוגא) 44
טעלעפאָן 62-56
Ch. ŁAZNIK
נור בײַ מיר קענט איהר בעקומען שעהנע מעבעל און ביליג ...
באַמערקונג: אויך קויפט איך געבראַוכטע מעבעל ...

לעטשניצע
פון דאָקטוירים - ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט
אויף גמרס פּאַרק
פּיעטריקאָווער 294 טעל. 33-89
(בײַ דער סטאַציע פון „פּאַביאַניצער" טראַמוויי)
נעמט אָן קראַנקע אויף קראַנקהייטען פון אַלע ספּעציאַליטעטען פון 10 פריה ביז 6 נאַכט.
פּאָקען-אימפּונגען, אַנאַליזען [פון: אורין, סמעטען-קאַל (צואה), שפּייעכץ, א.ז.וו.] אָפּעראַציעס און אָפּעראַציעס
אַנ'עצה 3 זל.
וויזיטען אין דער שטאָט
די האַל-קאָסטען און אָפּעראַציעס לויט אָב-מאַך. ליכט-בעהאַנדלונג, דורכלויכטונג מיט קוואַרץ-לאַמפּ, רענטגען, עלעקטריזאַציע, קינסטליכע ציהן, גאָלדענע און פּלאָמבען-קראָנען און מאָסטען.
יעדען זונטאָג און חגאות ביז 2 א זייגער נאַכ...

OGŁOSZENIE.

Opierając się na Rozporządzeniu Rady Ministrów z dnia 10 lutego 1926 roku „o regulowaniu cen przetworów zbóż chlebowych, mięsa i jego przetworów, oraz odzieży i obuwia przez wyznaczanie cen" (Dz.U.R.P. Nr. 18 poz. 101), na Rozporządzeniu Prezydenta Rzeczypospolitej z dnia 31 sierpnia 1926 roku o zabezpieczeniu podaży przedmiotów powszedniego użytku (Dz.U.R.P. Nr. 91 poz. 527 art. 8), oraz na uchwale Magistratu m. Łodzi z dnia 16 kwietnia 1926 roku — niniejszem podaję do wiadomości mieszkańcom m. Łodzi co następuje:

Uchwałą Magistratu m. Łodzi Nr. 354 z dnia 20 kwietnia 1928 roku zostały wyznaczone ceny maksymalne (najwyższe):

Na przetwory zbóż chlebowych za 1 kg.

W HURCIE:		W DETALU:	
mąka żytnia 65%	— 82 gr.	mąka żytnia 65%	— 90 gr.
„ „ 70%	— 80 „	„ pszenna 60%	1.02 „
„ pszenna 60%	— 92 „	chleb żytni pytlowy 65%	— 75 „
		„ „ „ 70%	— 72 „
		„ razowy	— 60 „
		bułki	1.30 „

na mięso wieprzowe i wyroby masarskie za 1 klg. w detalu:

1.	wieprzowina	zł. 2 gr. 60	18.	baleron gotowany	zł. 6 gr. —
2.	„ bez dokł.	„ 3 „ 20	19.	„ surowy	„ 4 „ 70
3.	schab i baleron	„ 3 „ 20	20.	boczek sur. wędz.	„ 4 „ 10
4.	słonina	„ 3 „ 40	21.	„ gotowany	„ 4 „ 50
5.	sadło	„ 3 „ 40	22.	szmalec	„ 4 „ 10
6.	salceson	„ 3 „ 40	23.	siekane	do umowy
7.	kiełbasa krajana	„ 3 „ 40	24.	słonina paprykowana	„ 4 „ 70
8.	„ serdelowa	„ 3 „ 40	25.	polędwica sur. wędz.	„ 6 „ 40
9.	pasztetowa	„ 4 „ 80	26.	kiełbasa surowa	do umowy
10.	serdelki	„ 4 „ 50	27.	rolada	zł. 4 gr. 80
11.	podgarlana	„ 2 „ 40	28.	kiełbasa sucha	„ 5 „ 35
12.	czarna	„ 2 „ 40	29.	salami	zł. 8 „ —
13.	kaszanka	„ 1 „ 80	30.	parówki	„ 5 „ 36
14.	krakowska	„ 4 „ 80	31.	kiełbasa sucha polska	„ 6 „ 20
15.	szynka gotowana	„ 6 „ —	32.	„ „ moskiewska	„ 6 „ 20
16.	szynka sur. wędz.	„ 3 „ 40	33.	„ „ myśliwska	„ 7 „ 50
17.	szynka bez kości	„ 3 „ 96	34.	salami miękkie	„ 5 „ 36

W myśl zacytowanego Rozporządzenia Rady Ministrów § 7 wyżej wyznaczone ceny maksymalne obowiązują na terenie m. Łodzi od dnia następnego po ogłoszeniu.

Zaznaczam, że zgodnie z § 10 i 11 wymienionego Rozporządzenia Rady Ministrów, winni żądania lub pobierania cen wyższych od wyznaczonych lub nieujawnienia tych cen w cennikach właściwych przedsiębiorstw handlowych, będą ukarani przez władzę administracyjną I instancji według art. 4 Rozporządzenia Prezydenta Rzeczypospolitej z dnia 31 sierpnia 1926 roku (Dz.U.R.P. Nr. 91 z 1926 roku poz. 527) o zabezpieczeniu podaży przedmiotów powszedniego-użytku — aresztem do 6 tygodni lub grzywną do 10.000 zł., o ile dany czyn nie ulega surowszemu ukaraniu w myśl innych ustaw karnych.

Łódź, dnia 21 kwietnia 1928 roku.

Prezydent m. Łodzi
(—) Br. Ziemięcki.

לעזט און אַבאָנירט — דאָס — „לאָדזשער טאַגעבלאַט".

אבאַציא (איטאַליען) PALACE HOTEL געפינט זיך נעבען ים.
דאָס שענסטע הויטעל אויף ערץ אין ח'נצער. די נייעסטע קאָמפאָרט-איינריכטונגען. 250 צימערן, וואָס זיינען פאַרזעהן מיט ליופענד וואַסער. 100 וועצל-באָד-צימערן מיט וואַסער פון ים. א קאָמפלעטער פּענסיאָנאַט פון 35 ליר אָן.

WYCIEŃCZENIE-BLEDNICĘ
LECZY
HEMOGEN
przetwór żelaza
MAGISTRA KLAWE
ORYGINALNY TYLKO Z FIRMĄ
KLAWE

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.
W piątek i dni następnych
Dla dorosłych:
„CHANG"
Dla młodzieży:
Chaplin robi karjerę i jako bokser
Dla młodz. początek seansów o g. 2 i 4 pp.
Ceny miejsc: dla dor. I—70, II—60, III—30 gr.
dla młodzieży: I—25, II—20, III—10 gr.

מיר זוכען
פאַר צו גרינדען א עקספּאָרט-שטעל וואָס ס'זאָל נישט זיין א פערזאָן בײַ וועמען ס'זאָל זיין זיין פאַך און האָנאָראַר. בעזונדערע קענטנישען, לאַנגער און קאַפּיטאַל ווערען נישט געפאָדערט; אַרטיקעל פון ערשטען געברויך א וועהר הויכער פערדינסט איז מעגליך. בריף אונטער „Continental Export"
MIĘDZYNARODOWE BIURO OGŁOSZEŃ
Warszawa, Galerja Luxenburga, Senatorska 29

ליי-ביבליאָטעק
א. נ. פון
א. אייזענשלאָס
פּאָלודניאָווא 11, לינקע אָפיצינע.
איז געעפנט: מאָנטאָג, מיטוואָך פון 6—10 פריה, שבת פון 1—10 מיטאָג און פון 6—10 אָוונט.
אבאָנענטען קענען מען זיך יעדען טאָג פון 9—10 ...

Hallo! Hallo! Dzwoń tel. 63-30
„Pogotowie krawieckie
KIERSZA", Żeromskiego 91.
Odświeżamy
Garnitur za zł. 3,— (z odebraniem i odesłaniem)
Pranie chemiczne, farbowanie
Suknie za zł 2.80 (z odebraniem i odesłaniem) nicowanie, przeróbki, reperacje i sztuczne cerowanie.
Zakład czynny od 5 rano do 1 w nocy.

געלעגענהייטס-קויף
טעפּיכער געלעגענהייטליך צו פערקויפען.
קאָנסטאַנטינער 38, פראָנט 1-טער שטאָק לינקס.

גאַנץ לאָדז מוז וויסען!
אַז אין פערלויף פון 7 טעג קען יעדער האָבען עלעקטרישע בעלויכטונג
איז שטוב אויף ראַטעס
אויסצוצאַהלען וועכענטליך פון 3 זל. אָן.
נעמט אויך אָן מאָנטירען צו רעפּערירען, אַרבייטען ליטשניקעס אויף אַנראַנישניקעס, פּראַ-טעקלען פון דער עלעקטראָווניע אַלעס ערלע-דיגט פינקטליך און רעעל נאָר די קאָנצעסי-אָנירטע פירמע וואָס איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דער לאַדזשער עלעקטראָווניע
פ. לעווין, לאָדז קאָנסטאַנטינער 58
פּראָנט-גאָרעלב. טעגליך פון 8 פריה ביז 11 אָוו.
בעס.: שפּרעכשטונדען פון 2—3, 8—11 נאַכט.
עלעקטרישע לאָמפּען און גאַז-שאַנקעס מיט 25% ביליגער פון פּרייז-קוראַנט. פאַבריקען בע-קומען א ספּעציעלען ראַבאַט מיט גוטע קאָנצעסיעס.


פּאָדערט איבעראַל נאָר די פּאַ-טענטירטע
פעלד-בעטען
פּערזעהן מיט דער פאַבריקס-מאַרקע
Palma-Patent
פאַר יעדע פון גאַ-ראַנטירען אויף 8 יאָהר
ניקעל-בעטען, ניקעל - קינדער - בעטען
פּיש-בעטען, אמעריקאַנער, קינדער-ריגעלער, קינדער-בענקעלער אויף רעדער
מאַטראַצען, שעזלאָנגען
פּאָלסטערס און טאַפּעצירען
אלדז, פּאָלנאָצנא 24, טעל. 31-85

עלטערן!
פאַר 3 קלאַסען א טאָג חדר ...
... מיט עלעקטרישע ... חומש רש״י ... נ״ך ספרותי, גמרא, יהדות היסטאָריע, רעדען און שרי-בען העברעאיש און יודישע ברית ...
... י. ד. ראָזענפעלד פּלאַץ וואָל-טשאַנסקי 6 ...
א פּאָראָדע 3 זל. — א פּאָראָדע 3 זל
והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת???
פּראָוואָט לויפט יעדערער איינציגער אין ביורא
17 פּיעטריקאָווער 17
דורכגאַנג זאַכאָדניא 52.
ואמרת אליו זאָלסט צו איהם זאָגען, אַז נאָר אין די „אויבענדערמאַנט" ביורא ווערט געשריבען ליוס'ן אופּמאַל אַלערליי ביטעס, קלאַגעס, אָבציחונגען אויף אַלע שטעט אין פּוילען ...
י. מאַנעלא רעכט-קאָנסולענט.

אַבאָנעמענט-פּרייז: ... 100% פערזעהן ...
Redaktor wydawca B. Chamburski
Tłocznia: B. i M. Chamburski w Łodzi, Piotrkowska 19